STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04345

FARKHOLEMTER SHMUEL, SHLOG ZIKH BRAV

Solomon Davidman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאָבוויי־ביבליאָטעק

1000

געשיכטעס פאַר גרויס און קליין

פאַרכאַלעמטער שמועל, שלאָג זיך בראַוו

★

יאָסיף און זיינע ברידער

★

דאָס פינגערל איז פאַר מיין סאָלדאַט

(מילכאָמע־דערציילונגען)

פון שלוימע דאַווידמאַן

זעקסטע זאַמלונג

נומערן 43-50

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 369

צו אונדז און צו אייך

ש. דאַווידמאַנ׳ס „פּאַרכאַלעמטער שמועל, שלאָג זיך בראוו״ —

ס׳איז אַ ווערטפולע און גוט־געשריבענע ארבעט, וואָס איז, קאָנטיק, אָריענטירט אויף די עלטערע קינדער פון די אידישע קינ־דער־שולן. אין אַ צייטשריפט פאַר קינדער־לייענער וואָלט דאָס גע־ווען גוטער מאַטעריאַל. די שפּראַך איז לויטער און לייכט; דער אי־דישער אידיאָם איז דערלאַנגט מיט קלאָרקייט און מיט כיין, און די גאַנצע סוויווע פון דער שול מיטן לערער איז באַהויכט מיט אַ שיינעם ראָמאַנטישן גייסט. דער לערער מאָרדכע איז אַן אידעאַליזאַציע, וואָס נעמט אַריין די בעסטע מידעס פון אונדזערע בעסטע לערער. דער מאַנוסקריפּט איז אויך דערהויבנדיק ווי אַ ווידמונג צו אונדזערע קינ־דער, גראַדואַנטן פון די אידישע שולן, און צו די לערער פון די שולן, וואָס דינען איצט אין דער אַרמיי.

אַ ליטעראַטור־קריטיקער פון אַ צייטונג — — — — — — —

ISBN:0-657-04345-1

פאַרכאָלעמטער שמועל, שלאָג זיך בראָוו!

אַ מילכאָמע־קולטורעסק
(געווידמעט די אמעריקאנער סאָלדאַטן, וואָס האָבן געלערנט אין אַ אידישער שול)

דער אידישער לערער מאָרדכע איז שוין אַן אַלטער לערער. דער גאַנצער קאָפּ האָר זייַנער איז שוין קימאַט אינגאַנצן גרוי, נאָר וואו־ניט־וואו זיצן נאָך איינגעעסטלט שוואַרצע גרופּקעס האָר, וואָס דערציילן, אַז ער איז געווען אַמאָל אַ ברונעט.

יונג האָט ער אָנגעהויבן זיין לערער־קאַריערע. נאָך אין דער אַלטער היים, אַף יענער זייט יאַם, איז ער געפאָרן אַף „קאָנדיציעס״ אין דערפער און שטעטלעך. געגעבן פּריוואַטע לעקציעס אַף אידיש, העברייאיש און רוסיש.

ווען ער וואָלט געוואָלט, וואָלט ער געקענט ווערן אַ ראָוו; ווען ער וואָלט געוואָלט, וואָלט ער געקענט ווערן אַ דאָקטאָר, האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט ליב געהאַט צו זיין אַ לערער, איז ער געוואָרן אַ לערער.

אַ הויכער איז ער, מאָרדכע דער אידישער לערער, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ צעוואַקסענער מיט אַ טאַמעוואַטן אויסזען, און מיט אַ צעלעפּעטער נאָז אין מיטן דעם ברייטן פּאָנים.

אָבער אַזוי איז ער אַ גאַנץ צופרידענער מיט זיין לעבן. כאָטש דער קאָלנער מיטן שניפּס ליגן באַ אים עפּעס ניט אין אָרדענונג. זייער אָפּט, פּאָרן זיך ניט. ער בייט ניט זייער פּינקטלעך זיין אויבער־העמד. זיין באָרד איז ניט קיין געשאָבטע גאַנץ אָפּט.

זיין גאַרניטור, זיין אויבערמאַנטל און זיינע שיך קוקן אויס קימאַט שטענדיק ניט־ניי. אַביסל איז עס דערפאַר, וואָס ער גיט ניט

קיין צופיל אַכטונג אַף קליידונג, און אביסל איז עס דערפאַר, וואָס אַף אַ נייעם מאַלבעש איז אים שווער אָנצוזאַמלען גענוג קאַפּיטאַל. אַ קאַ־פּעליוש טראָגט ער בלויז אַ כוידעש, צוויי, דורכן יאָר, טראָגט ער אים שוין אַ שאָק מיט יאָרן.

אָבער אַזוי איז ער אַ גאַנץ צופרידענער מיט זיין לעבן. אין זיינע קלוגע דורכדרינגלעכע בליקן דערקענט מען, אַז ער זעט גאָר אַן אַנדער וועלט, אַ שיינע גרויסע פרייע וועלט. אין זיין שמייכל, זיין פילאָזאָפישן שמייכל זעט מען, אַז מאָרדכע, דער אידישער לערער, פאַרמאָגט גרויסע רייכטימער, וואָס פאַרגיטיקן זיין אויסערלעכן אויסזען. ער לייענט און לערנט אַ גאַנץ לעבן.

און אַז ער לייענט און לערנט אַ גאַנץ לעבן, קען ער אַ סאַך און ווייסט אַ סאַך. ער איז באַקאַנט מיטן טאַלמוד. ער איז זייער היימיש מיט דער אידישער געשיכטע. ער לייענט עטלעכע שפּראַכן. ער איז באַקאַנט מיט עטלעכע ליטעראַטורן. ער איז אויסגעצכירעט אין מאַרקסיזם. ער איז אָנגעשטאָפּט מיט פאָלקלאָר. ער איז אַ גייענדיקער ווערטער־בוך, אַ פאָלקס־לערער . . .

***

איז אויך היינט אינדערפרי מאָרדכע אויפגעשטאַנען פרי. ער שטייט שטענדיק אויף פרי. ער איז אַרויס אין גאַס און איינגעקויפט צייטונגען. ער קען ניט עסן קיין פרישטיק אָן קיין צייטונגען. אַזוי ווי ער קריגט זיי פון צייטונג־פאַרקויפער, הייבט ער זיי גלייך אָן איבער־קוקן. ער וואַרפט מיט זיינע בליקן איבער די קעפּלעך ביי׳עסן. מילכאָ־מע־נייעסן, אידישע נייעסן. ער כאַפּט אַ קוק אין די אינעווייניקסטע בויגנס. דאָס גרייט ער זיך צו צום לייענען. ניט אַלעס האָט ער צייט צו לייענען און ניט אַלעס לוינט זיך צו לייענען.

נאָר אַזוי ווי ער האָט געגעבן אַ צעעפן די אידישע צייטונג, האָט אַ קוק געטאָן אַף אים אַ בילד פון אַ באַקאַנט פּנים. דאָס איז געווען אַ בילד פון אַ יונגן אַמעריקאַנעם סאָלדאַט. נאָך איידער ער האָט אי־בערגעלייענט די אונטערשריפט, האָט ער דערקענט זיין טאַלמיד, זיין

אַמאָליקן שילער שמועל פון פילאַדעלפיע, דעם פּאַרכאָלעמטן שמועל.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס, געקוקט אָפן בילד און געשמייכלט צו זיך אַליין. ער האָט זיך זייער דערפרייט. דערנאָך האָט ער די צייטונגען צענויפגעלייגט און זיך געלאָזט ארויף, אין זיין הויז אַריין. ער וועט זיך אַוועקזעצן באַם טיש און לייענען, גוט, גוט לייענען פון זיין שילער שמועל, וואָס איז שוין אַ סאָלדאַט.

ער איז אַריין אין הויז און אַף גיך אַוועקגעוואָרפן זיין מאַנטל אָפן בעט. ער איז אַריין אין זיין קליינער קיך, אַ קיכעלע טאַקע, אונ־טערגעצונדן דאָס פייערל אונטער דעם קאַווענ יק.

ער שפּרייט אויס די צייטונג איבערן טיש און שטייט לעבן טיש, האַלט צו די ערשטע זייט פון דער צייטונג מיט דער רעכטער האַנט, ווי אַ גרויסן בוך, און קוקט און קוקט אַף זיין שילער שמועל און שמייכלט צו אים, רעדט צו אים.

ס'איז קיינער ניטאָ איצט אין הויז, אין די פּאָר צימערלעך, אין דער דירע פון מאָרדכע, דעם אידישן לערער. זיין פרוי איז באַ דער אַרבעט. זיין פרוי מוז גיין צו דער אַרבעט. אַ פרוי פון אַ אידישן לערער מוז גיין צו דער אַרבעט. איז קיינער איצט ניטאָ אין הויז, רעדט ער צו זיך, צו שמועלן, זיין שילער.

ער גיסט זיך אָן דאָס ערשטע טעפּל קאַווע. הייסע קאַווע האָט מאָרדכע ליב. און ווען די פּאַרע פון דער הייסער קאַווע רויכערט זיך אַרויף, קוקט ער אַף דער אַרויפגייענדיקער פּאַרע און דערמאָנט זיך אָן זיין שילער שמועל:

שוין אַ גאַנצער צענדליק יאָר דורכגעגאַנגען. אין 1933־1932 איז דאָס געווען. אַ שטורעמדיקע צייט געווען אין לאַנד. הונגער און אַרבעטלאָזיקייט האָט זיך ברייט צעשפּרייט איבערן לאַנד. און אויך אין די היימען פון די אידישע עלטערן, וואָס האָבן געשיקט זייערע קינדער אין די אידישע שולן, אין דער שול, וואו מאָרדכע האָט גע־לערנט, האָט זיך אַריינגעכאַפּט די אַרבעטלאָזיקייט און דער הונגער.

מאָרדכע האָט געהאָלפן פיל עלטערן קריגן רעליף, שטאָטישע

הילף. אַ סאַך קינדער האָבן זיך געלערנט אין שול אָן סכאַר־לימעד. און מאָרדכע האָט באַקומען זייער ווייניק סכירעס דעמאָלט, זייער ווייניק. נאָר וואָס־זשע האָט ער געקענט טאָן, אַז אַזוי פיל עלטערן זיינען אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט, הונגער האָט זיך באַזעצט אין די היימען?

און מאָרדכע האָט דערציילט די קינדער און דערקלערט פאַר־וואָס זייערע עלטערן האָבן ניט קיין אַרבעט און פאַרוואָס אַ סאַך מענטשן הונגערן.

און קינדער האָבן געשטעלט זייער פיל פראַגן. און מער פון אַלע האָט געפרעגט שמועל.

שמועל איז אַ הויך דאַר אינגל, אַ בלאַס באַכערל מיט פאַרכאַ־לעמטע אויגן. שמועל הערט זיך צו, וואָס זיין לערער מאָרדכע דער־ציילט. ער זשמורעט מיט די אויגן, עפנט זיי ברייטער און ברייטער. ער וויל הערן מער און מער פון דעם לערערס מייסעס.

און נאָכן לערנען בלייבט שמועל אָפט איבער מיטן לערער אין שול. עפשער קען ער עפּעס העלפן דעם לערער. עפשער קען ער עפּעס טאָן פאַרן לערער. עפשער קען אים דער לערער דערציילן נאָך אַ מייסע.

שמועל האָט שטענדיק צייט אין שול, ווייל ער דאַרף לאַנג ניט גיין פון און צו דער שול. ער וואוינט טאַקע אין דער זעלבער גע־ביידע. די גרויסע דריי־שטאָקיקע הויז האָט אַ סאַך צימערן, נאָר קיי־נער וואוינט ניט אין זיי, בלויז שמועל און זיין ברודערל, זיין שוועס־טערל און זיין טאַטע־מאַמע.

דאָס איז אַ הויז פאַר מיטינגען פון אַלערליי אָרגאַניזאַציעס פון עלטערן. יעדע אָרגאַניזאַציע צאָלט אַביסל געלט און מיט די ביס־לעך געלט האַלט מען אויס די הויז.

און שמועלס טאַטע־מאַמע גיבן אַכטונג אַף דער הויז. זיי האַלטן ריין די צימערן, אַז מע זאָל קענען דאָ אָפּהאַלטן מיטינגען, אַז מע זאָל קענען דורכפירן פאַרשידענע לעקציעס און אונטערנעמונגען, אַז מאָרדכע זאָל קענען לערנען מיט אידישע קינדער.

שמועל איז דער בעסטער פריינט פון לערער. וואָס דער לערער הייסט שרייבן, שרייבט ער. וואָס דער לערער פאַרגיט אין לייענען, לייענט ער.

די מערסטע קינדער פון שול, וואָס האָבן ניט קיין גרויסן כיי־שעק צו די שול־לימודים, האַלטן ניט שטאַרק פון שמועלן. זיי רופן אים „דער פאַרכאַלעמטער שמועל". אָבער שמועלן אַרט עס ניט. ער קען טאַקע שרייבן, לייענען און רעדן אידיש בעסער פון אַלע. און אַז ס׳קומט טאַקע צו אַ שווער אידיש וואָרט, ווייסט שוין דער קלאַס, אַז שמועל וועט זיין דער איינציקער, וואָס וועט וויסן.

און שמועלס טאַטע, וואָס איז אויך אַ בלאַסער, אַ בלייכער, איז זייער צופרידן ווי אַזוי זיין זון לערנט זיך גוט אין שול. שמועלס טאַ־טע איז אַ בלאַסער און אַ בלייכער דערפאַר, וואָס שוין יאָרן און יאָרן, אַז ער איז אַ פאַרבער. ער פאַרבט הייזער. שוין זייער אַ סאַך הייזער האָט ער אין פילאַדעלפיע אויסגעפאַרבט. נאָר איצט איז ניטאָ וואָס צו פאַרבן, פאַרדינט ער ניט, קוקט ער נאָך אויס בלאַסער און בליי־כער, ווי שטענדיק.

און שמועלס מאַמע איז צופרידן ווי אַזוי איר זונדעלע לערנט זיך. זיין מאַמע איז גאָר אַ קליין־וואוקסיקע און זי האָט גאָר פון זיך אַרויסגעגעבן אַזאַ גרויסן, געראָטענעם זון.

און ווען מאָרדכע דער לערער טוט זיך שוין אָן זיינע קליידער, ער האָט שוין פאַרענדיקט לערנען מיט אַלע קלאַסן, באַגלייט אים שמועל אַראָפּ אַלע טרעפּ, ביז צו דער לעצטער טיר אַרויס.

און איינמאָל, ווען דער פרילינג האָט זיך באַוויזן אין פילאַדעל־פיע, האָט שמועל באַגלייט זיין לערער אַזש ביז צו דעם טראַמווײַ. און דער לערער מאָרדכע האָט אים געפרעגט: „שמועל, זאָג מיר נאָר, וואָס וואָלסטו געוואָלט ווערן, ווען דו וועסט אויסוואַקסן, ווען דו וועסט ווערן אַ גרויסער מענטש?"

„איך וועל זיין אַ לערער, ווי איר, לערער מאָרדכע!" — האָט שמועל געענטפערט.

„אַ לערער גאָר? — האָט זיך דער לערער געוואונדערט — אַ לערער איז ניט אזוי גוט צו זיין, ער דאַרף זיך אויסעסן דאָס האַרץ מיט שלעכטע קינדער, מיט טעמפּע קינדער. אַ לערער קריגט ניט אַזוי גוט באַצאָלט פאַר זיין ארבעט. און דו ווילסט גאָר זיין אַ לערער?"

שמייכלט דער פאַרכאָלעמטער שמועל און רופט זיך אָן: „אָבער אַ לערער איז דאָך אַ גרויסער קענער, אַלצדינג ווייסט אַ לערער. אַ לערער קען דערציילן זייער אַ סאַך מייסעס, אַ לערער קען די גאַנצע געשיכטע און האָט געלייענט אַ סאַך ביכער פון אַ סאַך שרייבער".

און שמועל דערציילט איבער די מייסע, וואָס דער לערער האָט אים דערציילט, ער געדענקט וואָרט אין וואָרט:

אַמאָל, אַמאָל, איז געפאָרן אַ גרויסע שיף אין מיטן גרויסן יאַם. אויף דער שיף זיינען געפאָרן אַ סאַך, אַ סאַך מענטשן. צווישן די פּאַסאַזשירן זיינען געווען זייער פיל, זייער פיל רייכע סאָחרים, הענדלער. זיי האָבן געפירט מיט זיך זייער אַ סאַך, זייער א סאַך פאַרשידענע סכוירעס. זיי האָבן געפירט גאָלד, זילבער, ברילִיאַנטן, דימענטן, פאַרשידענע צירונגען. און פאַרשיידענע אויסגעצייטע שאַלן, שאַלעכן און שאַלעכלעך. אויסגעוועבטע און אויסגעשטריקטע טעפּיכער. פיין־גענייטע קליידער. אויסגעפּוצטע נייע גלאַנציקע שיך, שיכלעך און שיכעלעך און שטיוול. און מע האָט געפירט היטלען, היטעלעך, הוטן און קאַפּעליושן. און מע האָט געפירט זייער טייערע פּרוכטן, מאַראַנצן, לימענעס, מילגרוימען און עסרויגים און לילואווים. און נעגעלעך, שמעקנדיקע בלעטער, לאָרבער־קרענץ און רעפּוס, טרופּעס און פאַרפיומען און פיינעם בוימאייל. און אלערליי פאַרשידענע קאָלירטע וואַרעס און לעדער און געפאַרבטע שטריען. און פאַרשידענע ווייבען האָט מען געפירט, ווייסע און רויטע וויינען, שטאַרקע און שוואַכע און זיסע וויינען. האַקלאַל, ס'איז געווען אויף דער שיף אַלע גוטסן און אַלע רייכקייטן פון דער גאַנצער וועלט.

און די סאָחרים זיינען אַרומגעגאַנגען פריילעכע איבער דער שיף. און זיי האָבן געלויבט און גערימט זייערע סכוירעס. און זיי האָבן

טאָקע צווישן זיך אויך געמאַכט מיסכער. און זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַזוי ווי זייער שיף וועט נאָר אָנקומען צום ברעג, וועט מען זיי באַפאַלן פון אַלע זייטן און מע וועט צעכאַפּן זייערע סכוירעס. מע וועט זיי צאָלן אין טאָג אַריין, מע וועט זיי אָפּגילטן און זיי וועלן ווערן זייער און זייער רייך.

און אַף דער שיף, צווישן די אַלע סאָכרים, איז בלויז געווען איין סויכער, וואָס איז זיך אַרומגעגאַנגען אַ רואיקער, אַ שמייכלענדיקער, ער האָט זיך ניט געטומלט, ער איז זיך גאָר אַרומגעגאַנגען מיט אַ בוך אין דער האַנט און אַלעמאָל אַביסל געלייענט.

און אַז די סאָכרים האָבן אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ סכוירע ער פירט, וואָס פאַרקויפט ער און וואָס קויפט ער; עפשער קען ער זיך בייטן מיט זיי מיט אַן אַנדער סכוירע? —

האָט ער זיי געענטפערט מיט אַ שמייכעלע: „מיין סכוירע קענט איר ניט קויפן און ניט פאַרקויפן, איר קענט זי ניט פאַרבייטן, מע קען זי ניט עסן און ניט טרינקען, מע קען זיך מיט איר ניט קליידן און ניט שיכן, — מיין סכוירע ליגט אין קאָפּ, אָט־אָ־דאָ־אָ!" — און דערביי וויזט ער אָן אַף זיין קאָפּ און אַפן בוך, וואָס ער האַלט אין דער האַנט, און ער שמייכלט צו זיי מיט אַזעלכע קלוגע אויגן.

קוועטשן זיי מיט די פּלייצעס, די סאָכרים. זיי וואונדערן זיך: „וואָס פאַר אַ מין סכוירע קען דאָס זיין? — עפשער איז ער אַ קישעף־מאַכער?" און אייניקע סאָכרים ווי צלען זיך און לאַכן: „אָדער ער איז פאַרריקט, אָדער ער איז אַראָפּ פון זינען, אָדער ער איז גלאַט מע־שוגע, — אַ סכוירע וואָס ליגט אין קאָפּ! איר האָט שוין געהערט פון אַזאַ סכוירע, וואָס מע קען ניט עסן און מע קען ניט טרינקען, וואָס קען ניט קליידן און קען ניט שיכן?" —

און אַזוי ווי זיי לאַכן און ווי צלען זיך, ווערט אַ גרויסער ווינט, אַ שרעקלעכער שטורעם, עס הייבט אָן וואַרפן מיט דער שיף. די שיף וויגט זיך אַרויף און אַראָפּ. די ברויזנדיקע כוואַליעס עפענען גרויסע מיילער, הויבן אויף גרויסע וואַסער־בערג און מאַכן גרויסע טאָלן.

די שיף איז געוואָרן אַ הוידלקע־שפּילעכל פאַרן יאַם, פּונקט ווי אַ קינד הוידלט זיך אויף אַ הוידלקע, אָט שלינגט דער ברויזנדיקער יאַם איין די שיף און אָט שפּייט ער זי אויס.

עס האָט אָנגעהויבן וואַרפן מיט די מענטשן, ווי אין אַ קאַ־דאָכעס. עס איז אָנגעפאַלן אַף יעדן אַ גרויסע שרעק. יעדער איינער האָט אָנגעהויבן צו בעטן צו זיין גאָט, אַז ער זאָל איינשטילן דעם יאַם. נאָר דער יאַם האָט זיך נאָך מער צעבושעוועט.

און אַז דער יאַם האָט ניט געוואָלט ווערן שטילער, האָט דער קאַפּיטאַן פון דער שיף געהייסן אַרויסוואַרפן אַלע סכוירעס אין יאַם אַריין. און די סאָכרים זיינען געשטאַנען פאַרוויינטע און פאַרקלאָגטע און דערשראָקענע און געזען ווי פּאַק נאָך פּאַק, און זאַק נאָך זאַק מיט די טייערסטע סכוירעס ווערן געוואָרפן אין יאַם אַריין. און די שיף האָט זיך געטראָגן שנעלער. און דער יאַם האָט געבושעוועט. און מע האָט געוואָרפן די סכוירעס פאַר די פיש. און די סאָכרים האָבן געוויינט און זיך געשראָקן פאַרן טויט.

נאָר דער סויכער, וואָס האָט געהאַט זיין סכוירע אין קאָפּ, האָט זיך אַרומגעדרייט רואיקער פון אַלע. ער האָט זיי געזאָגט, אַז פון דעם, וואָס זיי וועלן זיין אויפגערעגט, וועט דער יאַם ניט ווערן שטי־לער. מע דאַרף נאָר האָפן, אַז מע זאָל בעשאָלעם קומען געזונט צום ברעג. און אַז מע וועט קומען געזונט צום ברעג, און מע וועט בלייבן לעבן, וועט מען שוין קריגן די אַלע סכוירעס.

און ענדלעך האָט מען דערזען ערד. מע האָט זיך אָנגעהויבן דערנעענטערן צו אַ שטאָט. מע האָט זיך געפרייט. נאָר די פרייד פון די רייכע סאָכרים איז צעשטערט געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך דער־מאָנט, אז אלע זייערע סכוירעס ליגן אַפן גרונט פונעם יאַם. די פיש עסן זיי. נאָר מער פון אלע האָט זיך געפרייט דער מאַן, וואָס האָט גע־האַט זיין סכוירע אין קאָפּ.

און ווען מען האָט אָנגעהויבן פאַראָנקערן די שיף, מע האָט אָנ־געהויבן אַריבערוואַרפן ברעטער־לייטערס צום ברעג, האָט מען דער־

זען אַ גרויסן אוילעם פֿאַרזאַמלט באַם ברעג, אַן אוילעם פֿון יונגע מענטשן. און די יונגע מענטשן פּאַכען מיט זייערע טיכלעך און מיט זייערע הענט צו דעם סויכער, וואָס האָט זיין סכוירע אין קאָפּ. און דער שמייכלענדיקער מאַן פּאַכעט צו זיי, שמייכלט און פֿרייט זיך און ער זאָגט צו אַלע געוועזענע רייכע סאָכרים פֿון דער שיף:

„איר זעט, מיינע פֿריינט, אָט־די יונגע מענטשן זיינען געקומען קויפֿן באַ מיר מיין סכוירע, וואָס איך האָב אין קאָפּ. איך בין אַ לערער און זיי זיינען מיינע טאַלמידים. זיי האָבן זיך ליב צו לערנען, און איך האָב ליב צו לערנען מיט זיי. זיי האָבן ליב די סכוירע, וואָס מע קען ניט עסן און מע קען ניט טרינקען; זיי האָבן ליב די סכוירע, וואָס באַקליידט ניט און באַשיכט ניט; די סכוירע, וואָס איז ניט שווער אַף אַ שיף אין אַ גרויסן שטורעם און מע דאַרף זי ניט וואַרפֿן אין וואַסער אַריין!" . . .

— איז דערפֿאַר — זאָגט דער פֿאַרכאַלעמטער שמועל — וויל איך אויך זיין אַ לערער, ווי איר, לערער מאָרדכע.

דעמאָלט האָט שוין דער לערער מאָרדכע ניט געוואָלט אַרויפֿגיין אַף דעם טראַמוויי, וואָס איז אָנגעקומען. ער איז געגאַנגען מיט שמועלן אַף אַ שפּאַציר. ער האָט מיט שמועלן גערעדט, געשמועסט. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט אויסוואַקסן, שמועל, און אַז ער וועט זיין אַ לערער, וועט ער שוין זיין גאָר אַ גוטער לערער. און ער האָט אים דערציילט די מייסע פֿון אַקיווע דעם פּאַסטוך. אַ פּאַשעטער פּאַסטוך געווען, ער האָט אפֿילע דעם אַלעף־בייס ניט געקענט. און אַז ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער וויל זיך לערנען, האָט ער אַזוי פֿיל געלערנט, האָט ער זיך אַזוי לאַנג געלערנט, ביז ער איז געוואָרן אַ לערער פֿון 24 טויזנט שילער. יאָ, יאָ, פֿיר און צוואַנציק טויזנט טאַלמידים. און אויב ער, שמועל, האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער וויל ווערן אַ לערער, וועט ער שוין זיין אַ לערער, אַ גוטער לערער, שוין איינמאָל אַ לערער! . . .

און איצטאָ, ווען מאָרדכע זיצט אין קיך און גרייט זיך טרינקען

קאָווע, האָלט צעשפרייט די צייטונג אָן אָפּענע, קוקט אַף אים זיין שילער, דער פאַרכאָלעמטער שמועל. ער שטייט אָפּן בילד אָן ערנס־טער, אַ דיסציפּלינירטער. נאָר מאָרדכע קוקט גוט אריין אין זיינע אויגן, קוקט גוט אַף זיינע ליפּן, דערזעט ער, ווי עס שיינט אַרויס אַ פּייערל פון זיינע אויגן, ווי עס שפּראָצט ארויס אַ שמייכעלע פון זיינע ליפּן, אַ ליב שמייכעלע פון אַ ליבן באָכער . . .

מאָרדכע כאַפּט ביסנס אין מויל אריין, זופּט צו ביסלעך פון דער הייסער קאווע און לייענט דעם שיינעם בריוו, וואָס איז געדרוקט אין דער צייטונג. אזא קלוגן בריוו האָט ער געשיקט זיינע עלטערן, אַז די צייטונג האָט געפונען פאַר נויטיק אים אָפּצודרוקן. ווייל דאָס איז ניט בלויז אַ בריוו צו שמועלס עלטערן, נאָר צו אלע אידישע עלטערן, וואָס האָבן זין אין דער אמעריקאנער ארמיי; דאָס איז א בריוו צו אלע שילער, עלטערן, טוער און לערער פון די אידישע קינדער־שולן; ס׳איז אַזאַ קלוגער בריוו, אַז אַלע אידן מעגן אים לייענען.

און מאָרדכע, דער אידישער לערער, איז זייער פריילעך. ער פאַרציט פאַר זיך אַליין אַ ניגנדל. ער וועט שוין היינט דערציילן אלע זיינע שילער און עלטערן און פריינט וועגן זיין טאַלמיד שמועל, דער פאַרכאָלעמטער שמועל, וואָס איז איצט א סאָלדאַט.

***

איז היינט מאָרדכע געקומען פרי אין שול אַריין. כאָטש היינט ברענט אַ גרויסער פראָסט אין דרויסן. און אז אין דרויסן איז זייער שטאַרק קאַלט, איז אין שול אויך אַ פּיין ביסל קאָלט. די קעלט רוקט זיך אַריין דורך דער טיר, וואָס האָט שפּאַרונעס פון אויבן, אין איין זייט און גאָר באַ דער שוועל. די קעלט שטופּט זיך דורך די פענצטער, וואָס זיינען ניט שטאַרק פאַרפעסטיקט. און דער „סטים״, וואָס קומט אַריין אין דעם „רעדיאַייטער״, איז עפּעס ניט קיין הייסער „סטים״, עס איז עפּעס א מין וואַרעמלעכער „דאַמפּ״, — אזוי אז אין שול איז אין אַזאַ טאָג אַ מין פאַרעווודיקע טעמפּעראַטור: ס׳איז ניט צו קאָלט און אויך ניט צו הייס.

אין אַזאַ פּראַקטיקן טאָג טראָגן די קינדער די מאַנטלען, די סוועדערס, לייבלעך, אַף זיך. און אַמאָל, ווען דער לערער מאָרדכע קען זיך שוין מער ניט איינהאַלטן, עס העלפט שוין ניט קיין שעמען זיך, כאַפּט ער טאַקע אַרויף דעם מאַנטל אַף זיך. ער טוט אים ניט אָן אינגאַנצן, ווי מע טראָגט אַ מאַנטל אין גאַס, נאָר ער הענגט אים אויף אַף די פּלייצעס, גלאַט אַזוי, מייסע ספּאָרט, און דערווייל טאַקע וואַרעמט עס אַביסל אַ פּלייצע.

נאָר מיט די פּיס האָט מאָרדכע זייער גרויסע צאָרעס. פון דיל, וואָס איז שוין אָן אויסגעריבענער, אַ צעשפּאַלטענער, האָט עטלעכע לעכעלעך, שיסט אַרויף אַזאַ קעלט און פאַרקילט זיינע פּיס. דעמאָלט מוז ער שוין אַרומשפּאַצירן אין קלאַס.

נאָר היינט, כאָטש עס ברענט אַזאַ פראָסט אין דרויסן, איז ער געקומען פרי אין שול אריין. ערשטנס, האָט ער ניט געקענט קומען ניט־פרי, ווייל ער האַלט מיט זיך די צייטונג מיט שמועלס בריוו און בילד. און צווייטנס, וועט ער זיך אָן עצה גיבן. ער וועט אָנצינדן די פּייערלעך פון גאַז־אויוון. נו, וועט עס קאָסטן אַ פּאָר סענט דער שול. מע בלייבט אים שולדיק נאָכן סעזאָן אַזוי פּיל און אַזוי פּיל דאָלאַרן, וועט מען אים בלייבן שולדיק נאָך אַ פּאָר סענט.

און אָט קומען שוין די קינדערלעך מיט זייערע געלעכטערלעך. די קליינע וועווריקעס פון ערשטן קלאַס. זיי באַגריסן זיך מיטן לערער. זייער לערער שמייכלט שטענדיק. נאָר היינט שמייכלט ער נאָך מער, עפּעס קוקט ער אויס זייער אַ צופרידענער, מער צופרידן, ווי טאָמיד.

מע שרייבט היינט מילכאָמע־זאַצן:

„מיין גרויסער ברודער איז אַ סאָלדאַט.
מיין אָנקל איז אַ מאַטראָס אין פלאָט.
פון יענער זייט יאַם איז געקומען אַ בריוו,
פון אַ פליער אַף אַן עראָפּלאַן־שיף!“

באַ דעם לערער מאָרדכע קומען אָפּט אַרויס די זאַצן מיט אַ גראַם,

ווי אַ לידל. און די קינדער האָבן דאָס טאַקע ליב און שרייבן און לייענען מיט חשק.

און אַז די קינדער האָבן פאַרענדיקט זייער לייענען און שרייבן, האָט דער לערער מאָרדכע פאַרשפּרייט די צייטונג איבער זיין טיש, ווי אַ טישטוך. ער האָט צוגערופן אַלע קינדערלעך צו זיך, אַרום טיש. ער האָט אָנגעשטעלט זיין פינגער אַף שמועלס בילד און זיי געזאָגט:

„איר זעט, קינדער, דעם סאָלדאַט? — ער איז געווען מיינער אַ שילער, זייער אַ גוטער שילער, אַזאַ שילער, וואָס קען שוין באַלד ווערן אַ לערער!" און ער האָט זיי דערציילט מייסעס פון שמועלן דעם סאָלדאַט. און די קינדער זיינען געווען זייער צופרידן. עס האָט זיי נאָר פאַרדראָסן, וואָס זייער צייט האָט זיך אַזוי שנעל פאַרענדיקט און די גרעסערע כעוורע-לייט פון 2-טן קלאַס קומען שוין אָן.

און אין צווייטן קלאַס, און אין דריטן קלאַס האָט דער לערער מאָרדכע דערציילט מייסעס די קינדער פון זיין שילער שמועל.

נאָר אַז ס'האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען די גרויסע יונגען און די גרויסע מיידן פון פערטן קלאַס, פון דעם גראַדואיר-קלאַס, וואָס גרייט זיך שוין אין מיטלשול אַריין: ס'איז געקומען די לאַנגע דזשודיט און די ברייטע כאַווע, דער קליינטשינקער סאָל, וואָס פירט באַ זיך איין אין זיין העפט אַריין אַלע שווערע אידישע ווערטער און פאַרטייטשט זיי אַף ענגליש, ער מאַכט זיך אַליין אַ ווערטער-בוך. און פערל די קלע־נערע, וואָס קען שפּילן און זינגען און טאַנצן, און פערל די גרעסערע, וואָס האָט ליב אַ סך צוקערקעס, און מוישע דער קליינער, וואָס שרייבט מיט קליינע אויסיעלעך, ווי פּיצלעך פליגעלעך, אַז דעם לע־רער אַליין איז שווער איבערצולייענען, און מוישע דער בלאָנדער, דער שטילשווייגנדיקער, און נעכאַמקע די כיינעוודיקע, און עלענאָר, די אינטעליגענטקע און דער געאָגראַפּיסט און שיפן-מאַכער שלוימע, דער בעסטער פון אַלע שלוימעס. דאָס איז דער שלוימע, וואָס האָט באַ זיך אין דער היים, אין זיין צימער, אַ וועלט-קאַרטע, און ער ווייסט אייך אויסנווייניק אַלע שטעט און אַלע טייכן און אַלע בערג פון דער

גאַנצער וועלט. און דער שלוימע טראָגט זיך אַרום מיט אַ מעסערל און האַלט אין איין שניצן. וואָס איר ווילט קען ער אייך אויסשניצן. און אַ מאַלער איז ער גאָר אַ גרויסער. ער מאָלט אייך אַלע עראָפּלאַ־נען און אַלע שיפן און, און, און . . . שוין איינמאָל אַ שלוימע.

איז, אַז די פערטע־קלאַסניקעס האָבן זיך היינט אַריינגעשטעלט אין שול אַריין, איז מאָרדכען געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. אָט אַף זיי האָט ער דאָך געוואַרט דעם גאַנצן טאָג. ערשטנס, זיינען דאָס שוין טייערע שילער, גאַנצע מענטשן, זיי פאַרשטייען דאָך, וואָס מע רעדט צו זיי. און צווייטנס, וויל ער פאַר זיי לייענען שמועלס בריוו. ס'איז אַזאַ מין בריוו, וואָס וועט זיין פאַר זיי אַ לעקציע אין געשיכטע.

נאָר איידער מע האָט זיך נאָך גוט צעזעצט אַף די בענקלעך, איז צוגעשפּרונגען די קלענערע פערל: „לערער מאָרדכע, לערער מאָרדכע, עפשער זאָלן מיר היינט מאכן טיי פאַר אייך און פאַר אונדז? — ס'איז היינט אַזוי קאַלט, וועלן מיר זיך דערוואַרעמען".

און נאָך איידער דער לערער האָט געגעבן זיין ענטפער, איז שוין די גרעסערע פערל געקומען מיט אַ באַריכט: „יאָ, יאָ, לערער מאָרדכע, לאָמיר מאַכן טיי. ס'איז דאָ דאָרטן אין שאַפקעלע צוקער און טיי און קיכעלעך זיינען געבליבן פון שול־פאַראיין מיטינג, לאָמיר מאַכן טיי!"

„לאָמיר מאַכן טיי!" — האָבן זיך אַלע כעוורע־לייט געבעטן.

„יאָ — זאָגט דער לערער מאָרדכע מיט אַ שמייכל — היינט וועלן מיר לערנען באַ אַ גלעזל טיי, ווי גרויסע מענטשן!"

און די „פּרויען":ביידע פערלס און דזשודיט און כאַווע, האָבן געווישט די גלעזער און די שאָלן, אויסגעטיילט יעדן איינעם צו דריי פּלעצעלעך, פונקט צו דריי איז יעדן אויסגעקומען. און יעדן איינעם האָבן זיי אַריינגעשאָטן איין לעפעלע צוקער, אַ לעפעלע און אַ האַלב פאַר די באַשערס, נאָר קיין צוויי האָט מען ניט געגעבן, ס'איז מילכאָ־מע־צייט.

מע האָט זיך אַלע אויסגעזעצט, ווי גרויסע מענטשן, און זיך גע־וואַרעמט אַרום דער טיי. די „מענער": די צוויי מוישעס און סאל

און שלוימע האָבן זיך גאָר מעכאַיע געווען. קיין אַרבעט האָבן זיי ניט געדאַרפט טאָן. די „פרויען" האָבן זיי צוגעטראָגן די גלעזער טיי. דערפאַר האָבן זיי נאָך געמאָנט צוקער, ס'איז פאַר זיי ניט זיס גענוג, און נאָך פלעצעלעך. ווען ס'איז דאָ, וואָלטן זיי, די „מענער", גע־קענט איינשלינגען אָ פולן שקאַרמיץ מיט פלעצעלעך. איז טאָקע אַ גליק, וואָס ס'איז נאָר געווען צו דריי.

און דער לערער מאָרדכע גיט זיך אזוי אַ גאָר ברייטן צעשמייכל און גיט אַ מאַך: „הערט זיך איין, כעוורע, ווי וואָלט געווען ווען מיר לערנען היינט ניט קיין געשיכטע, האַ? — עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז איר ווילט היינט ניט לערנען, איר ווילט נאָר טרינקען טיי, האַ?" —

האָבן זיך די יונגען מיט די מיידן אָנגעהויבן איבערקוקן, זשמור־רען מיט די אויגן און קוועטשן מיט די פּלייצעס. מע האָט זיך אָנגע־הויבן צו שושקען: „סאַ „טריק", איך ווייס, סאַ שפּיצל!"

„ניין — מאַכט עלענאָר — מיר ווילן גראָדע יאָ היינט לערנען!"

„איך האָב גראָדע זייער ליב צו הערן די מייסעס פון דער אי־דישער געשיכטע!" — ביינדלט זיך נעכאַמקע.

און אַלע כעוורע־לייט האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן מאָנען.

דאָ האָט זיך דער לערער מאָרדכע גאָר מעכאַיע געווען. ער האָט אויסגעשפּרייט די צייטונג איבערן טיש און געזאָגט: „אויב אזוי, איז גוט, וועל איך אייך לייענען אַ בריוו פון מיינעם אַ שילער פון פילאַ־דעלפיע, ער האָט אויך ליב געהאַט די אידישע געשיכטע. איצט איז ער אַ סאָלדאַט. אָט זעט!" —

און אַלע האָבן זיך געגעבן אַ שנעלן הויב אויף, אַז זיי האָבן שיר ניט אויסגעגאָסן די גלעזער טיי, און ארייַנגעשטעקט די נעזער אין דער צייטונג. און אַז זיי האָבן זיך שוין גוט, גוט אָנגעקוקט אין בילד, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט צוריק אָף זייערע פּלעצער, שטילע, ווי קאָטעקלעך, און געבעטן, אַז דער לערער זאָל פאַר זיי לייענען דעם בריוו, אַ בריוו, וואָס מע האָט אַזש געדרוקט אין דער צייטונג. און דער לערער האָט אָנגעהויבן לייענען:

„טייערע עלטערן!

וואָס מאַכט איר עפּעס, ווי פילט איר אין געזונט, און וואָס מאַכן די קינדער? —

איך לייג צו מיין בילד צו דעם בריוו. פון דעם בילד קענט איר זען, אַז איך בין געזונט און בין אַ גוטער סאָלדאַט.

מיין קאָמאַנדיר האַלט פון מיר אַ וועלט. און די סאָלדאַטן האָבן מיך ליב. איך בין אַ דיסציפּלינירטער סאָלדאַט און איך ווייס פאַר־וואָס איך דאַרף זיך שלאָגן. איך בין שוין דורכגעגאַנגען אַלע לעקציעס. איך ווייס שוין אַלע רעגולאַציעס. איך בין זייער אַ גוטער שיסער, איינער פון די בעסטע אין מיין אָפּטיילונג.

אין מיין פרייער צייט פאַרברענג איך מיט מיינע כאַווערים־סאָלדאַטן, אידישע און ניט־אידישע. פאַראַן דאָ אַ גרופּע אידישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זייער ליב צו הערן מייסעס פון דער אידישער געשיכטע, פון אידישן לעבן. כאָטש זיי זיינען אידן, ווייסן זיי זייער ווייניק פון אידישן לעבן. זיי האָבן זיך ניט געלערנט אין קיין אידישער שול.

פון דער אַלטער אידישער געשיכטע ווייסן זיי זייער ווייניק. אַ פּאָר פון זיי האָבן יאָ עפּעס געהערט, ווייסן זיי נאָר פון לעגענדעס. פון לעבן פון די אידן אין אַנדערע לענדער, איז זיי גאָרניט באַקאַנט! נאָר אַפילו פון דער געשיכטע פון די אידן אין אַמעריקע האָבן זיי ניט געהערט.

און אַז איך האָב זיי דערציילט, אַז נאָך אין 1656 איז געווען אַ איד, אַ קאַצעוו, מיטן נאָמען אָשער לעווי, וואָס איז געקומען מיט די ערשטע אידן קיין ניו־יאָרק, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געהייסן ניו־אַמסטערדאַם, און ער האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דער מאַכט, וואָס האָט אויסגעשלאָסן אידן פון מיליטער־דינסט, — האָבן זיי זיך ניט געוואָלט גלויבן.

און אַז איך האָב זיי איבערגעגעבן, אַז די אידן האָבן געוואונען דעם קאַמף און זיי האָבן אויך גענומען אַן אַנטייל אין אָפּהיטן די

שטאָט, זיי זיינען געשטאַנען מיט ביקסן אַף דער וואַך און געהיט פאַר אַן אָנפאַל פון אינדיאַנער, — האָבן זיך די אידישע סאָלדאַטן, וואָס געפינען זיך אין מיין אָפּטייל, דערפילט שטאָלצער.

איז פון דעמאָלט אָן קומען מיר זיך צענויף אַ פּאָר מאָל אַ וואָך און איך דערצייל זיי מייסעס פון דער אידישער געשיכטע אין אַמע־ריקע.

אַז דער קאָמאַנדיר האָט זיך דערוואוסט פון אונדזערע צוזאַ־מענקונפטן, איז ער אויך איינמאָל געזעסן מיט אונדז און זיך איינ־געהערט. ער האָט מיר געגעבן אַ קאָמפּלימענט. ער האָט געזאָגט, אַז איך קען זיין אַ גוטער לערער, איך ווייס אַ סאַך.

האָב איך אים דערציילט, אַז איך בין געגאַנגען אין אַ אידישער קינדער־שול, און אַז איך האָב געהאַט אַ גוטן אידישן לערער מאָרדכע, האָט ער מיך געלערנט די אַלע זאַכן.

האָב איך זיי שוין דערציילט, אַז די אידן אין אַמעריקע האָבן אַרויסגעגעבן זייער אַ סאַך גרויסע מענטשן, העלדן אַף אַלע געביטן פון אַמעריקאַנער לעבן, האָבן צוגעטראָגן זייער פיל צום אויפבוי פון אונדזער לאַנד און אויך האָבן מיר אַ סאַך מיליטערישע העלדן.

איך האָב זיי זייער אַ סאַך דערציילט פון כאַים סאָלאָמאָן. און פון דייוויד און אייזיקס פרענקס. פון דזשאָנאַס פיליפס און מאַנואיל מאָרדכע נאָאַ.

און אַז אין טשאַרלסטאָן, נאָרד־קאָראָליינע, האָבן מיר נאָך אין 1773 געהאַט אַ אידישע מיליטערישע אָפּטיילונג אָנגעפירט פון יאַנ־קעוו י. קאָהען.

און וועגן די פיר ברידער פינטאָ, אווראַהאַם, וויליאַם, יאַנקעוו און שלוימע פינטאָ פון קאָנעטיקוט.

און פון שלוימע און לואיס בוש פון פילאַדעלפיע.

און איך האָב זיי דערציילט פון גרויסן כירורג פון צווייטן וויר־דזשיניע רעגימענט, פיליפּ מאָזעס ראָסעל, וואָס האָט גענומען אָנ־טייל אין 1777 אין דער היסטאָרישער שלאַכט באַ וואַלי־פאָרדזש.

פון קאָלאָנעל איזעקס, דאַוויד עמאנואיל, מאָרדכע שעפטאַל, יאַנ־קעוו דעלמאַן, יאַנקעוו דע לאַמאַטיו, נאַסניעל ליוואַי און אַרן בענ־דזשאַמין.

און איך האָב זיי דערציילט, אַז מיט דעם גרויסן קעמפּער קעגן שקלאַפעריי, דזשאָן בראַון, האָבן זיך געפונען די אידן טעאָדאָר ווייַ־נער, יאַנקעוו בענדזשאַמין און אָגוסט באָנדי.

און אַז זעקס טויזנט אידן האָבן זיך געפונען אין די אַרמייען, וואָס האָבן זיך געשלאָגן קעגן דער סאַוט, אָפּצושאַפן שקלאַפעריי אין אַמעריקע.

און אַז דער פּרעזידענט אייבערעהעם לינקאָלן, דער באַפרייער פון נעגער־שקלאַפעריי, איז געשטאַנען באַם טויטן־בעט פון אידישן גענעראַל ביומאַן און גערעדט וועגן זיין העלדישקייט און פּאַטריאָטיזם.

און וועגן אַ אידישן גענעראַל בלומבערג, און פון דעם גענעראַל מאַיאָר קרעפּלער און נאָך און נאָך און נאָך. און איך וועל זיי נאָך דערציילן פון אָנטייל פון די אידן אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

און איך פאַרבינד די געשיכטע פון אַמעריקע מיט דער געשיכטע פון די אידן אין די אייראָפּייאישע לענדער, איך ווייז זיי אָן, אַז די אידן האָבן זיך זייער פיל אָנגעליטן ביז זיי זיינען געקומען קיין אמע־ריקע. דערפאַר זיינען זיי דאַנקבאַר אַמעריקע פאַר די פרייהייטן, וואָס זיי האָבן דאָ באַקומען. און אין יעדער צייט זיינען זיי גרייט, מיט אַלע אַנדערע פעלקער, זיך שלאָגן פאַר אַמעריקע . . .

וואָס זאָל איך אייך נאָך שרייבן, מיינע טייערע עלטערן? די סאָלדאַטן זיינען מיך זייער מעקאַנע, וואָס איך ווייס אַזוי פיל פון אידישן לעבן, פון דער אידישער געשיכטע. פיל איך, אַז איך בין אייך שולדיק אַ גרויסע דאַנקבאַרקייט, וואָס איר האָט מיך געשיקט אין אַזאַ שול. און גרויס דאַנקבאַרקייט שיק איך איבער דורך אייך צו מיין ליבן לערער מאָרדכע, וואָס האָט מיך אַזוי פיל געלערנט, און צו אַלע אנדערע לערער.

און אַ האַרציקן גרוס גיט איבער אַלע יונגע קינדער אין אונדזע־

רע שולן. זאָגט זיי אַז זיי זאָלן זיך לערנען גוט. זיי זאָלן זיך גוט איינהערן צו די רייד פון זייערע לערער. עס וועט זיי זייער צונוץ קומען אין לעבן, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן.

אפילע ווען מע איז אַ סאָלדאַט, וואָס דאַרף דאָך, דאַכט זיך, בלויז קענען שיסן פון אַ ביקס, איז, אַז מע ווייסט פאַרוואָס מע דאַרף שיסן, אַנטקעגן וועמען מע דאַרף שיסן, שיסט זיך גאָר אַנדערש.

איך ווייס פאַרוואָס איך וועל זיך שלאָגן. איך וואַרט שוין מיט אומגעדולד צו באַגעגענען דעם סוינע. איך וועל זיך שלאָגן בראַוו פאַר מיין לאַנד, פאַר מיין פאָלק און פאַר אַ שיינער וועלט.

אייער,

שמועל. ————— ״

און אַז דער לערער מאָרדכע האָט פאַרענדיקט לייענען דעם גרויסן בריוו, זיינען די יונגען און די מיידן געבליבן זיצן מיט גרויסע אָפענע אויגן, מיט אָפענע מיילער. זיי האָבן געוואָלט הערן נאָך און נאָך. זיי האָבן מיטאַמאָל באַשאָטן זייער לערער מיט פראַגן וועגן פיל בעמען פון אידישע העלדן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, וואָס זיי האָבן נאָך ניט געהערט פון זיי. און אלע האָבן שוין געוואָלט שרייבן אַ בריוו, אויך אַ גרויסן בריוו, צו זייער פריינט שמועל, דעם גרויסן געשיכטע־קענער.

נאָר זייער לערער מאָרדכע האָט זיי באַרואיקט מיט אַ שמייכל: „וואַרט, וואַרט, מיר וועלן נאָך לערנען גענוג געשיכטע. און אַז איר וועט קומען אין מיטלשול, וועט איר ערשט לערנען געשיכטע. און אַ בריוו צו שמועלן וועלן מיר טאַקע שרייבן, און אַ גרויסן, שיינעם און קלוגן בריוו וועלן מיר אים שרייבן. אָבער אַזאַ בריוו קען מען ניט שרייבן אַף איין פוס, אַף כאַפּ־לאַפּ, מע דאַרף זיך אַוועקזעצן און זיך אַריינטראַכטן, גוט, גוט אַריינטראַכטן, און דערנאָך שרייבן. וועט טאַקע יעדער איינער פון אייך אין דער היים אָנשרייבן אַ פיינעם בריוו צו שמועלן און ברענגען אין שול אריין מאָרגן!״ . . .

און אַז מע האָט זיך אומגעקוקט אַפן זייגער, דעם קיילעכדיקן

זייגער אַף דער וואַנט, האָט מען זיך געגעבן אַ כאַפּ, אַז ס'איז אַוועק אַ שעה מיט צוואַנציק מינוט און מע האָט גאָרניט באַמערקט, ווי אַזוי די ווייזערס האָבן זיך פּאַוואָלינקע אַזוי שנעל גערוקט, האָט מען זיך געגעבן אַ טו אָן און מע האָט אָנגעהויבן לויפן אַהיים.

****

נאָר מאָרדכע איז נאָך אהיים ניט געלאָפן. וואָס וועט ער לויפן אַהיים, אַז אין אַ שטונדע אַרום וועלן זיך צענויפקומען מיטגלידער, עלטערן און פריינט פון דער שול. מע וועט אויפנעמען טאָג־טעג־לעכע לויפנדיקע פּראַגן און ער וועט היינט פאַר זיי האַלטן אַ לעקציע אַף דער טעמע: „קינדער־דערציאונג אין מילכאָמע־צייט".

לייגט ער צענויף זיינע קלאַס־ביכער, העפטן און בלייפעדערס. לייגט אַוועק אַף אַן אָרט די שטיקלעך קרייד און דאָס בערשטל. ער גרייט אָן די קאַרטלעך מיט די נאָטיצן פון זיין לעקציע. ער וועט זיך באַלד אַריינכאַפּן אין דערבייאיקן רעסטאָראַנדל אַ בייס טאָן עפּעס, עפּעס איבערכאַפּן, אַ קליין וועטשערקעלע מיט אַ טעפּל קאַווע. היינט וועט ער עסן אַ „קאַנאַפּקע", געהאַקטע לעבער אַף צוגעבאַקטן „גע־טויסטעטן" ברויט. און מאָרדכע איז זייער צופרידן פון נייעם וואָרט „קאַנאַפּקע", וואָס ער האָט געהערט פון אַ מאַמען פון גאַליציע. בײַ זיי אין גאַליציע איז קאַנאַפּקע אַזאַ מין „סענדוויטש", וואָס מע רופט אין אמעריקע.

און איידער ער געזעגנט זיך מיטן קלאַס־צימער, גיט ער אַ קוק אַף די שול־בענקלעך, אַף די נידעריקע שטענדערס. אים דאַכט זיך, אַז די ערטער זיינען נאָך וואַרעם פון די קינדערס קערפּערלעך, און אים ווערט וואַרעם פון זיי. ער דערמאָנט זיך אין זיינע קינדער־יאָרן. ער דערמאָנט זיך אין זיין יוגנט. קינדערישע כאַלוימעס, יוגנטלעכע טרוימען. ער האָט צו זיי קיין פּיל מאַזל ניט געהאַט. עפּעס צערונען געוואָרן אונטער די הענט. אים דאַכט זיך, אַז ער איז נאָך פון קינדווייז אָן געווען אַ דערוואַקסענער, אַ גרויסער מענטש. און אַז פון קינדווייז אָן נאָך האָט ער ליב געהאַט צו לייענען אַ סאַך,

צו שרייבן שיין און זייער פיל, און לערנען. ער האָט אַליין געלערנט און געלערנט מיט אַנדערע.

און ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מילכאָמע איז ער איינגאַנצן אַלט געווען פערצן יאָר. און ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ גרויסער. ער איז זיך שוין דעמאָלט צענויפגעקומען מיט באַלמעלאָכעשע אינגלעך און גערעדט וועגן דער מילכאָמע.

און די מילכאָמע איז אָנגעגאַנגען אַ יאָר און צוויי. און אַז זי איז אָנגעגאַנגען דאָס דריטע יאָר, איז דאָס לעבן געוואָרן אַזוי שווער. מיליאָנען טאַטעס האָט מען אויסגעהאַרגעט. און א הונגער האָט גע־הערשט אין זיין געבורטלאַנד, אין אַלטן רוסלאַנד. און עפּידעמיעס האָבן זיך פאַרשפּרייט. און דאָס פאָלק האָט געקרעכצט אונטערן יאָך פון דער שווערער מילכאָמע. האָט זיך דאָס פאָלק אויפגעהויבן, גע־מאַכט אַ רעוואָלוציע, אַרונטערגעוואָרפן דעם קייסער, געמאכט שאָלעם און איינגעפירט פרייהייט.

און מאָרדכע איז מיטאַמאָל געוואָרן זיבעצן יאָר. שוין גאָר אַ גרויסער, אַ צעוואָקסענער. און דאָס לאַנד האָט זיך פאַרוויקלט אין אַ גרויסן בירגער־קריג. די פינצטערע מענטשן האָבן צוריק געוואָלט איינפירן אַ קייסער, זיי האָבן צענויפגעשטעלט באַנדעס און געשלאָגן דאָס פאָלק און געמאַכט פּאָגראָמען אַף אידן, געשאָכטן און גערויבט, זיי האָבן געוואָלט, אַז דאָס לאַנד זאָל צוריק גיין צו פינצטערניש. און די ליכטיקע מענטשן האָבן זיך באַוואָפנט אין אַ פאָלקס־אַרמיי, אַ רויטע אַרמיי, וואָס האָבן איינגעשפּאַרט אָנגעהאַלטן די פרייהייט פון לאַנד, זיי האָבן מיט זייערע לעצטע קויכעס, מיט די אויסגעהונגערטע קערפּערס, באָרוועסע און נאַקעטע, מיט זייער לייב־און־לעבן זיך גע־שלאָגן און איינגעהאַלטן די פרייהייט.

און ער, מאָרדכע, איז אויך אַוועק זיך שלאָגן פאַר דער פרייהייט פון זיין לאַנד, פאַרן לעבן און קאָוועד און דער קולטור פון זיין פאָלק. בראַוו זיך געשלאָגן. העלדיש זיך געשלאָגן. פיל מאָל געווען אין גרויס געפאַר. אין שלאַכטן געווען. אין ביטערע שלאַכטן. די קוילן

האָבן געפּייפט אַרום אים. זיין שינעל האָט פאַרמאָגט זיבן און צוואַנציק לעכעלעך. אויף אויסשפּיר געגאַנגען. פון אַ באַן אַרונטערגעפאַלן. געשוואָלענע פיס געהאַט. איין־און־צוואַנציק פּאָגראָמען דורכגעמאַכט. און מאָרדכע האָט זיך קיינמאָל ניט געשראָקן פאַרן טויט...

און אַזוי בראַוו און נאָך בראַווער וועט זיין זיין טאַלמיד שמועל. און אַלע זיינע שילער, וואָס געפינען זיך שוין אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. ווייל מאָרדכע דענקט, אַז די קינדער, וואָס זיינען געגאַנגען אין אַ אידישער קינדער־שול זיינען די בעסטע יאָרשים פון די שענ־סטע טראַדיציעס פון אידישן פאָלק. די טראַדיציעס פון קעמפן פאַר אַ פריי לעבן, וואָס ציען זיך פון די מאַקאַבייער, דורך אַלע לענדער, וואו אידן זיינען געווען אין לאַנגן געשיכטע־וועג, ביז דער איצטיקער גרויסער פעלקער־באַפרייאונג מילכאָמע...

***

און ווען מאָרדכע האָט פאַרענדיקט די לעקציע וועגן „קינדער־דערציאונג אין מילכאָמע־צייט", זיינען די האָרעפּאַשנע טאַטעס און מאַמעס געווען זייער צופרידן און זיי האָבן אויסגעדריקט דורך זייערע וואַרעמע בליקן גרויס דאַנקבאַרקייט צו זייער טייערן לערער, וואָס ער קען זיי גיבן צו פאַרשטיין זאַכן, וואָס זיי פאַרשטייען ניט אַזוי גוט. און זיי האָבן זיך אַזוי געפרייט מיט שמועלס בריוו, וואָס ער האָט פאַר זיי פאָרגעלייענט. און מע האָט גאָר האַנאָע געהאַט יענעם אָוונט.

און שפּעט אין אָוונט האָט זיך דער לערער געלאָזט פון שול צו דער באַן־סטאַנציע. גרויסע אַכט בלאָק דאַרף ער אַזש גיין. און אין דרויסן הייבט זיך עפּעס אויף אַ שטורעם, אַ ווינט בלאָזט, אַ שטאַר־קער ווינט, און ס'איז גליטשיק, אַז מע קען נאָר פאַלן. נאָך אַ גליק, וואָס אַ גרויסע לעוואָנע שווימט אַרום אָפן הימל.

און מאָרדכע האָט צענויפגעשטעלט באַ זיך אין קאָפּ אַ פּאָעטישע שורע: „אַ שטורעם, אַ ווינט און אַ גרויסע לעוואָנע!" און מאָרדכע לאָזט שוין דעם זאַץ ניט אָפּ. ער גייט און כאַזערט אים איבער באַ

זיך אין קאָפּ עטלעכע מאָל. און דער זאַץ לאָזט שוין מאָרדכען ניט אָפּ.

און ער גייט און ער טראַכט, אַז ער וועט טאַקע שמועלן אָנ־שרייבן אַ גרויסן בריוו מאָרגן, גאָר אַ גרויסן בריוו. ערשטנס, וועט ער אים שרייבן, אַז זיין בריוו, שמועלס, האָט ארויסגערופן באַ יעדן איינעם פרייד, באַ קליין און גרויס. און צווייטנס, וועט ער אים שרייבן ווי אַזוי אין זיין איצטיקער שול האָבן זיך פּונקט אַזעלכע עלטערן, ווי זיינע, שמועלס עלטערן, זייער אַוועקגעלייגט, אַז די שול זאָל זיך ניט צומאַכן. און ער וועט אים טאַקע אינגאַנצן איבערגעבן, ווי זיי האָבן געזאָגט: „יאָ, סאַ מילכאָמע, אָבער די קינדער־שול מוז מען בויען!״

אין דרויסן האָט דעמאָלט געבושעוועט אַ דעצעמבער־ווינט, אַ פראָסטיקער, אַ בייסנדיקער, אַ שניידנדיקער. קיין קינדער זיינען אַף דער גאַס ניט געווען. קיין יוגנטלעכע זיינען אַף די ראָגן ניט גע־שטאַנען. און דערוואָקסענע, אַז זיי האָבן געדארפט ערגעץ צוגיין, זיינען זיי אַזש געלאָפן, אַזוי ביטער־קאַלט איז געווען.

איז פונקט אין אַזאַ ברענענדיקן זונטיק, ווען די מערסטע מענטשן רוען זיך אויס פון דער וואָך, כאַפּן זיך אַריין ערגעץ אין אַ מואווי־פּלאַץ אָדער גייען צו גאַסט, — זיינען די שול־טוער געקומען צוגרייטן די נייע דירע פאַר דער קינדער־שול.

אַ נייע דירע, עס רעדט זיך אַזוי. ווי קען זיך אונדזער קינדער־שול דערלויבן צו האָבן אַ נייע דירע? — מיר מיינען, אַן אַנדער אלטע דירע. סאַ געוועלבל, וואָס וועט באַטאָג זיין אַ קלאַס־צימער, אין אָוונט אַ מיטינג־זאַלעכל און צו אַ באַנקעט וועלן זיך אויסזעצן קוים אַ 50־60 מענטשן.

אָבער, אַז אין דער ערשטער אַלטער דירע איז געוואָרן אַזוי קאַלט. סאַ דירע, וואָס מע האָט שוין לאַנג געדאַרפט אַרונטערוואַרפן. און אַז די שכיינים האָבן זיך אַרויסגעצויגן, האָט דער לענדלאָרד

אינגאַנצן באַשלאָסן צו פאַרקלאַפּן זיין הויז און פאָטער ווערן פון די „שטייערן".

און דער באַלעבאָס זאָגט גאַנץ פּאָשעט: „איך וועל ניט אַריינ־לייגן קיין פּעני, נעמט אייך די סטאַרקע ווי זי שטייט און גייט!" האָט מען גענומען, אַ ברייערע האָט מען געהאַט? . . .

שטייען די טויער בעני דער פאַרבער, דאָוויד דער קעלנער, לואי דער שוסטער, ריווקע די נייטאָרין, אָסקאַר דער מאָלער, און לערער, דער לערער.

מע איז געפאַלן אַף אַ סייכל: אַז מע וויל, אַז דאָס פּלאַץ זאָל ווערן גרעסער, דאַרף מען איבערדרייען די טיר. דאָס הייסט, די טיר עפנט זיך אַריין, פאַרנעמט זי אינעווייניקסדיקן פּלאַץ און זי פאַרנעמט אַ שטיק „טעריטאָריע" אַרום אַריינגאַנג, וואָס מע וועט קענען נוצן. האָט מען אַרונטערגענומען די טיר און זי אַוועקגעלייגט: בעני זעגט אַרום די לייסטלעך אַרום דער טיר, וואָס האָבן פריער די טיר ניט אַרויס־געלאָזט. לואי שרויפט אַרויס די זאַוויעסעס און קערט זיי איבער אַף דער לינקער זייט און שרויפט זיי צוריק אַריין. ריווקע האַלט צו אַביסל די טיר און דער לערער האַלט צו אַביסל די טיר. דאָוויד פאַרריכט די עלעקטרישע איינריכטונגען. און דער ווינט, דער דע־צעמבערדיקער ברענענדיקער ווינט, איז אַריין דורך דער אָפענער טיר און בלאָזט אין יעדן ווינקעלע און צופּט די אויערן און די נעז; פאַרקילט די פיס און די הענט. מע ציטערט פון קעלט, עס קנאַקן די ציינער אין מויל, נאָר מע שטייט און מע אַרבעט. די קינדער־שול מוז מען בויען.

אָט דערמאָנט מען זיך אין לעצטן קאָנצערטל פון דער שול. די קינדער האָבן דורכגעפירט אַ שפּיל ווי אַזוי די סאָוועטישע קינדער האָבן אָפּגענאַרט די נאַציס: זיי האָבן באַהאַלטן די הענטלעך פון די מאַשינען. און ווען די רויטע אַרמייער זיינען אַריינגעקומען אין דאָרף אַריין, האָבן די קינדער אויסגעגראָבן די „קרענקס" און געבראַכט צו טראָגן.

און דער עדי, דאַכט זיך אַזאַ ווילדער אינגל, האָט ער עס גע־שפּילט, ווי אַן עמעסער אַקטיאָר. און אַ אידישער פּאַרזיצער איז ער געווען. און ווי אַזוי דאַבי האָט פאַרגעלייענט די מייסע מיטן טעפּל, איי האָט מען געלאַכט. און ווי אַזוי דייענע האָט דעקלאַמירט „די שוואוע", אַזוי שטאַרק, אַז אַלע עלטערן זיינען פּאַרציטערט געוואָרן. זיי האָבן טאַקע דערפילט, אַז די שול דערציט אַ נייע יוגנט, אַ שטאַר־קע, אַ שטאָלצע.

און די שול־טוער האָבן זיך איין מיטן דער אַרבעט צערעדט וועגן די קינדער פון דער שול: וועגן דוואוירעך, וועגן ראָכלען און ראַכ־מיעלן, און וואָלטערן, און מערעלין, און גיטלען, און שוירלין, און מילדרעדן, און ריווקען און נאָך אין נאָך און נאָך.

און דערווייל האָט מען שוין די טיר אַריינגעשטעלט, איז טאַקע געוואָרן אַביסל וואַרעמער, האָט מען זיך ערשט גענומען צו דער אַר־בעט. מע האָט אַרויסגעטריבן דעם ווינט אין דרויסן. ריווקע האָט געקערט און געוואַשן און געווישט. לואי האָט געשרויפּט און גע־קלאַפּט. דאָוויד האָט געגעבערט און געצויגן דאָרטן. בעני האָט געפּאַרבט די ווענט. און אָסקאַר האָט געפּוצט די פענצטער אַרטיס־טיש, זיך אָנגעשטרענגט אַז ס'זאָל אַרויסקומען שענער און בעסער. און פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע, האָט מען געאַרבעט אַ טאָג און צוויי און דריי, אַ וואָך און צוויי, און ס'איז געוואָרן אַ נאַכעס.

די ווענט געפּאַרבט. די קיך — אויסגעקלאַפּט מיט פּאָליצעס פאַרן געשיר. אין אַ ווינקל — אַ הענגער־שאַפע פאַר קליידער. אַף די פענצטער גרויסע בילדער פון קינדער, וואָס לערנען אין שול אידיש, אידישע ליטעראַטור און אידישע געשיכטע.

און אַלעס שטעלט זיך איין פיין און גוט. נאָר וואָס־זשע דען, ווי נעמט מען די פּאָר סענט? — אַביסל צאָרעס, ווען מע דאַרף צאָלן דאָס ביסל רענט, גאַז און עלעקטריק. כאָטש גוט, וואָס ס'איז איין מאָל אַ כוידעש. קען מען אָפּשטופּן אַביסל דעם 1־טן, מאַכט מען פון מאָנאַט 5 וואָכן, ביז מען באַצאָלט. אָבער וואָס טוט מען מיטן

לערער? — דאָ איז גאָר גרויסע צאָרעס: אַלע וואָך דאַרף מען צאָלן סכירעס, און סאַ מייסע אָן אַן עק. 42 וואָכן נאָכאַנאַנד דאַרף מען צאָלן. אַביסל קומט טאַקע אַריין פון סכאַר־לימעד און דאָס איבעריקע דאַרף מען שאַפן. אוי, אַרבעט מען שווער ביז מע שאַפט די סכירעס פאַרן לערער: באַנקעטן, באַנקעטלעך, הוליאַנקעס, סימכעס, הויז־פּאַרטיס, זשורנאַל, טעג־טאָג, אַפּילס, ראַפל, ראָמעדזש־סעיל, באַזאַרן און בילעטן, בילעטן, בילעטן.

עפשער וועט אַמאָל די רעגירונג צאָלן אונדזערע לערער. עפשער וועט אַמאָל די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג צאָלן די לערער. עפשער וועט אַמאָל די פּראָטערנאַלע באַוועגונג צאָלן די לערער. עפשער? — און דערווייל? — דערווייל איז טאַקע זייער שווער. שווער פאַר די טוער און שווער פאַרן לערער.

אָבער ס'איז אַ מילכאָמע אויף דער וועלט. היטלער האָט זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען דאָס אידישע פאָלק און די אידישע קולטור. ווען מיר איצט פאַרמאַכן אַ קינדער־שול? — וועט מען זיך פאַרזאַמלען אין דער נייער דירע און פראַוען אַ באַנקעט, אַ כאַנוקאָס־האַבאַאיס און ערן די טוער בעני און דאַוויד און לואי און אָסקאַר און ריווקע און אַלע אַנדערע שול־טוער: גאַרבער, גאַסאַדזש, ווייסמאַן, ווינער, באַבקאָף, וואולף, עלקינד, סאַדאָווניק און דעם טאַטן פון דער שול, „פּאָפּ" פּיוול בראָווערמאַן.

און די קינדער וועלן אויפטרעטן אין אַ שפּיל און אין דעקלאַמאַציעס, אין לידער און אין מייסעלעך. און דער אָרדן־ברענטש וועט באַגריסן און זיין שטאָלץ מיט דער קינדער־שול.

און מע וועט זינגען לידער און זיך פרייען און ווייטער זיך אונטערנעמען צו טאָן שווערע אַרבעט, מיטן געדאַנק: „אַז יאָ, סאַ מילכאָמע, אָבער די קינדער־שול מוז מען בויען!" . . .

דערווייל איז מאָרדכע אָנגעקומען אַף דער סטאַנציע. אַף דער סטאַנציע איז געווען קימאַט־פינצטער. בלויז אַ פּאָר מענטשן האָבן געוואַרט אַף דער באַן. ס'איז שוין מאָרדכען געווען גוט קאַלט. און

פינצטער איז געווען. און אַזוי ווי קיין פיל מענטשן זיינען ניט געווען, האָט ער זיך געקלאַפּט אַ פּוס אָן אַ פּוס, אַ האַנט אָן אַ האַנט, זיך צו דערוואַרעמען.

— מע דאַרף זיך מער אַביסל פאַרהאַרטעווען, ס'איז מילכאָמעצייט! — רעדט צו זיך אַליין מאָרדכע — נו, איז וואָס, אַז ס'איז אַביסל פינצטער? — נו, איז וואָס, אַז ס'איז אַביסל קאַלט? — נו, איז וואָס אַז מ'איז אַביסל הונגעריק? — ס'איז מילכאָמע . . .

און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט פון דער ווייטנס דאָס טאַראַטאַקען פון דער באַן. מע האָט שוין געקענט זען פון דערווייטנס די לעמפּלעך. איז, אַז מע שטייט אין אַ שפּעטן אָוונט אַף אַ לאַנגער קימאַט־פינצטערער סטאַנציע מיט אַ פּאָר מענטשן, און ס'איז קאַלט, ווערט טאָקע פריילעכער ווען מע דערזעט שוין די באַן.

און די סאָבווײ איז באַך אָנגעקומען מיט אַ שטאַרקערן טראַסק, ווי באַטאָג. ליכטיקער איז מיטאַמאָל געוואָרן. די טירן האָבן זיך ברייט צעעפנט. אלע צעעפנטע טירן זיינען געווען איצטאָ, אין דעם שפּעטן אָוונט, זייער ברייט־האַרציק, זיי האָבן זיך מאַמעש געבעטן, אַז מענטשן, פּאַסאַזשירן זאָלן זיך רייבן לעבן זיי, נאָר בלויז אַ פּאָר שפּעט־פאָרער זיינען ארויס פון די וואַגאָנען און אַ פּאָר זיינען אַריין. און אויך מאָרדכע איז אַריין.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ באַקוועמען ווינקל־זיץ־פּלאַץ, ס'איז געווען אַף אויסצוקלייבן, אַ שיטערלעך־באַזעצטער וואַגאָן. און ער האָט ווידער אין קאָפּ געשריבן דעם לאַנגן בריוו:

„און שמועל, שמועל, מיין טייערער שמועל, מיין פאַרכאַלעמטער שמועל — האָט ער אין זיך פאַרצויגן אַ ביגן — און איך וועל דיר שרייבן, אַז אַ סאַך, אַ סאַך טייערע זין זיינען זיך אַוועק שלאָגן קעגן פאַשיזם. עס איז אַוועק דער טייערער אַלבערט, אָט־דער זינגענדיקער און טאַנצנדיקער און פריילעכער געזאַנג־לערער. און ווייסטו, אַז ער לערנט די סאָלדאַטן זינגען? — געוואָרן אַ געזאַנג־לערער פאַר סאָלדאַטן. און איציק איז אַוועק. דער איציק, וואָס איז דער בעסטער

סעקרעטאַר פון אַלע סעקרעטאַרן. ער האָט געהאַט די זכיה צו זיין דער סעקרעטאַר פון אונדזער גרויסן היסטאָריקער קאַלמען מאַרמאָר. און אַט דער איציק האָט שוין געקראָגן אַ מעדאַל פאַר גוט און טרעפ־לעך און פינקטלעך שיסן.

און סידני, אַט־דער גראַטענער סידני, וואָס איז פון די בעס־טע אַמעריקאַנער געבוירענע אידישע לערער, איז שוין אויך אַוועק אין דער אַרמיי. און דער יונגער לערער אַווראָהאָם, אַט־דער אַווראָ־האָם, וואָס קען מאָלן און קלעפּן און פלעכטן, — אַ קינסטלער, איז שוין אויך אין אַ יוניפאָרמע.

און וואַליע, דער לערער וואַליע, וואָס איז אַ שטיק זשורנאַליסט, האַלט שוין אויך אַ ביקס אין דער האַנט. און דער לערער יאשא, דער קוועקזילבערדיקער, וואָס איז אַזש געווען אַ לערער־פרינציפאַל אין קובאַ, איז שוין אויך אין מיליטער.

און דער דיכטער־לערער סול, און דער דיכטער־זשורנאַליסט בער, און דער פייאיקער זשורנאַליסט־רעפּאָרטער דאָוויד, און דער לערער פינכאַס. און וויסטו, אַז דער לערער כייעם האָט אַרויסגעגעבן אַ כאַנוקע־צייטונג פאַר די סאָלדאַטן פון זיין אָפּטיילונג? —

און וויסטו, אַז דער זשוואַוער מיטלשולניק כאַאים פון שיקאַ־גע איז געוואָרן אַ פליער? — און, לאָמיר בויגן אונדזערע קעפּ פאַרן יונגן פליער רואוון פון דעטרויט, וואָס האָט שוין אַוועקגעגעבן זיין לעבן אַף די סאָלאָמאָן־אינדזלען.

און לייבל, און יאַנקל, און, און, און . . . און איך וואָלט דאָך דיר געקענט אויסרעכענען טויזנטער נעמען פון אונדזערע טייערע, גראַטענע זין, וואָס געפינען זיך אין די באַוואָפנטע קויכעס, אַף די שלאַכטפעלדער, איבער די יאַמים, אַף די הימלען, אין אַלע טיילן פון דער וועלט, וואו מע שלאָגט זיך קעגן פאַשיזם.

נאָר כאָטש נאָך וועגן איינעם, אַ קאָפּל, וויל איך דיר שרייבן. אַ טייערער הויכער קאָפּל, אַ יונג, אַ סאָסנע. ער איז געווען דער „גרעסטער" אויפפאַסער אין קעמפּ „קינדערלאַנד". אַ בלאָנדער יונג,

אַ פּריילעכער, אַ שטענדיק־פריינטלעכער, מיט אַ טייערער שטימע. ער רעדט דאָך אַזאַ טייערן זאַפטיקן אידיש. און ער קען דאָך זינגען אַלע לידער. ווייסטו כאָטש, שמועל, וואו דער קאָפּל שפּאַרט אָן? — מע זאָגט, אַז ער איז ערגעץ אין שטאַב בּאַ גענעראַל מעקאַרטור אַליין, אַזש דאָרטן האָט ער אָנגעשפּאַרט . . . און אויב ס׳וועט בּויטיק זיין, וועט דיין לערער מאָרדכע באָכאַמאָל נעמען די ביקס אין דער האַנט אַריין. כאָטש ער איז ניט אַזוי יונג, נאָר ניט אַזוי אַלט . . .

און שיר, שיר וואָלט מאָרדכע פאַרגעסן אַרונטערצוגיין פון דער באַן, אַזוי פאַרטראַכט איז ער געווען. סאַ גליק, וואָס ער האָט זיך געכאַפּט, ווען די טירן זיינען שוין געווען אָט־אָט צוגעמאַכט. האָט ער זיך געגעבן אַ האַסטיקן הויב־אויף, זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר, אַ צי געטאָן די טיר אַף צוריק און זיך קוים אַרויסגעכאַפּט.

און אַז ער האָט זיך שוין אַרויסגעכאַפּט, האָט אים דער ווינט גלייך געגעבן אַ נעם אַרום, אַ כאַפּ אַריין, און אים אָנגעהויבן צו באַבלאָזן פון אַלע זייטן, אַריינגעקראָכן דורכן מאַנטל, דורך די שפּיצן פון די הויזן, און אָנגעהויבן דורכנאָדלען זיין קערפּער.

האָט זיך מאָרדכע מער איינגעטוליעט אין זיך, אויפגעשטעלט העכער דעם קאָלנער און זיך געלאָזט מיט שנעלערע טריט, טאַקע שפּאַנען איילִיק: „או־וואַ, או־וואַ, עס ווערט טאַקע דער עמעסער שטורעם!"

און אַז ער האָט פאַר זיך אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט שטורעם, איז שוין צוריק געקומען צו אים זיין פאָעטישע שורע: „שטורעם און ווינט און גרויסע לעוואָנע!" און ער האָט אָנגעהויבן באַזינגען דעם זאַך, באַניגענען דעם אַרויסזאָג.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ גליטש אויס. זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געגעבן אַ בויג אַף צוריק, אָט, אָט, גיט ער זיך אַ צי אויס, אַ פאַל אַפן טראָטואַר, און וואָלט זיך געקענט, כאָלילע, אויסברעכן אַ פוס, אַ האַנט, אויסלענקען אַ פּאָר ביינער, אָדער צעשמעטערן דעם קאָפּ. האָט ער זיך מיט אַלע קויכעס האַסטיק אַ בויג גע־

טאָן פּאַראויס און קוים געקראָגן זיין גלייכגעוויכט.

„איז טאַקע גוט אַזוי" האָט ער געשמייכלט צו דער גרויסער לע־וואָנע, וואָס זי שיינט איצט אַראָפּ. אין מיטן דער נאַכט, ווען מע בלייבט אַזוי ליגן אין מיטן גאַס, און אַרום איז פינצטער, די קראָמען זיינען שוין פאַרמאַכט און די גאַס־לאָמפּן זיינען אַזוי שיטער צע־שטעלט און באַלייכטן אַזוי טונקל, איז ניט גוט, גאָר ניט גוט.

איז ער שוין געגאַנגען פּאַוואָלינקע, אָף ציפּ־פינגערלעך, פאַרזיכ־טיק געשטעלט זיין טראָט. און בעשאַס־מייסע געשמייכלט צו זיך אַליין: „ביסט אַ גליקלעכער מענטש, מאָרדכע. וואָס טוסטו ווען דו גיסט טאַקע אַ פאַל און דו צעברעכסט דיר אַ פוס, ווער וואָלט גע־גאַנגען מאָרגן לערנען אין שול אריין? — און וואָס טוסטו, ווען צע־ברעכסט דיר אַ האַנט, ווי אַזוי וואָלסטו געשריבן אַ גרויסן בריוו צו דיין גוטן טאַלמיד שמועל?" —

און אַזוי איז ער שוין צוגעקומען צו דער טיר פון זיין הויז. און ער איז געווען זייער אַ צופרידענער. האָט ער זיך דערפאַר אויסגע־דרייט מיטן פּאָנים צו דער גאַס. ער האָט זיך ארומגעקוקט אָף דער נאַכטישער שטילער וועלט, וואָס איז שוין גאָרניט געווען אַזוי שטיל. און ער האָט זיך צעזונגען גאָר אָף אַ געמאָרע־ניגן, דעם ניגן, וואָס ער טראָגט אין זיך פון קינדווייז אָן, פון כיידער, פון דער יעשיווע. אָט־דעם ניגן, וואָס דער קלאַסיקער־דיכטער אַווראָהאָם רייזען האָט פאַר־אייביקט אין דער אידישער ליטעראַטור:

„מיי קאָ מאַשמע לאָן, דו שטורעם, וואָס־זשע לאָזטו מיך דאָ הערן?
— דו לאָזט מיך הערן, אַז אַ גרויסער שטורעם איז איצט אויף דער וועלט, וואָס וויל אומברענגען די קולטורן און די פרייהייטן פון אלע פעלקער.

מיי קאָ מאַשמע לאָן, דו ווינט, וואָס־זשע לאָזטו מיך דאָ הערן?—
דו לאָזט מיך הערן, אַז דו וועסט פאַריאָגן דעם שטורעם פון דער וועלט און וועסט ברענגען וואַרעמקייט און ליבע צו די מענטשן.

מיי קאָ מאַשמע לאָן, דו גרויסע לעוואָנע, וואָס־זשע לאָזטו מיך דאָ

הערן? — דו לאָזט מיך הערן, אז ס'וועט קומען אַ צייט, אז ניט נאָר וועט שיינען איבער אונדז אַ גרויסע זון אַ גאַנצן טאָג, נאָר אויך באַ־נאַכט וועט באַליכטיקן אונדזער וועלט אַ שיינע גרויסע לעוואָנע!"...

און מאָרגן, מאָרגן גלייך אינדערפרי, וועט מאָרדכע, דער אי־דישער לערער, זיך אַוועקזעצן און אָנשרייבן אַ גרויסן בריוו צו זיין טאַלמיד. ער וועט אים פון אַלץ און אַלעמען שרייבן, ער וועט אלעס באַשרייבן. אַ גאַנצע דערציילונג וועט ער פון זיין בריוו מאַכן און ער וועט ענדיקן מיט די וואַרעמסטע ווערטער:

„שמועל, שמועל, מיין טייערער שמועל, שלאָג זיך בראַוו, מיין פאַרכאָלעמטער שמועל, שלאָג זיך בראַוו!" . . .

יאַנואַר, 1943.

צו אונדז און צו אייך!

טייערער חבר ש. דאַווידמאַן:

אַזוי ווי דו האָסט מיר געגעבן דיין לעצטע דערציילונג „אַ קאָפּ פון אַ אידן" האָב איך עס ניט אַוועקגעלייגט ביז איך האָב עס דורכ־געלעזן. דו האָסט מיר אַ כאַפּ געטאָן מיטן אָנפאַנג און איך האָב שוין געמוזט ענדיקן. אַ פיינע דערציילונג, וואָס דאַרף מאַכן אַ גוטן ביטראַג אין קאַמף פאַר אידישער אייניקייט.

מיט חברישן גרוס, דיין מעקס ספאָנדזשין.

5־טן יוני, 1943

אַ האַרציקן יישר־כוח אייך פריינט שלמה דאַווידמאַן. איבער־לעזנדיק אייער פראַכטפולע דערציילונג ווי אַזוי „דזשוליוס איז ווידער געוואָרן אַ איד" („אַ קאָפּ פון אַ אידן"), האָב איך דיסקוטירט מיט מיין זון וועגן כאַראַקטער ווי אזוי איר האָט עס גלענצנד אַרויסגעבראַכט און מיר האָבן זיך איינפאַרשטאַנען. איך ווינטש אייך געזונט. גייט אָן מיט אייער גלענצנדער אַרבעט. אייער פריינט, משה שעכטער.

דעטרויט, מיש.

יאָסיף און זיינע ברידער

הערשל'ס מישפּאָכע האָט זיך פאַרזאַמלט אין הויז פון זיין עלט־סטן זון שימען. געקומען זיינען: דער זון בעניאָמין, אַ פאַריער. דער זון יעהודע, אַ פּעדלער. די טאָכטער דינעלע, וואָס האָט שוין כאַסענע געהאַט פאַר אַ גראָסערימאַן און אַרבעט שווער מיטן מאַן אין שפּייז־געשעפט. דער פעטער מעקס, אַן אויסגעבלייכטער פעינטער, הערשל'ס אַ ברודער. די מומע דוואוירע, אַן אַלמאָנע, וואָס האָט שוין אויסגעגעבן די קינדער. און נאָך און נאָך. אַ פולע הויז מיט מענטשן פון דער מישפּאָכע און זייערע פריינט און קינדער.

ס'איז היינט באַ זיי אַ פאַמיליע־יאָנטעוו. אַלע האָבן זיך טאַקע געפרייט, אויסגעפּרעגט זיך ווי אַזוי עס לעבט זיך אין אַמעריקע. ווייל ווען זעט זיך מישפּאָכע? — טאַקע נאָר אויף סימכעס, אָדער, ס'זאָל ניט אויסגערעדט זיין, אויף לעוואָיעס.

אָבער גאָר אַן אַנדער פרייד איז היינט, אַ גרויסע פרייד: אַ בריוו איז אָנגעקומען פון לעמבערג, פון טאַטן, פון הערשלען. מ'איז זיך צונויפגעקומען הערן לייענען דעם גוטן בריוו.

און אַז גאַנץ מישפּאָכע איז זיך שוין צונויפגעקומען, האָט מען זיך אויסגעזעצט אַרום טיש, ביי די ווענט און אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

נאָר שימען, דער עלטסטער זון, האָט פאַוואָלינקע אַרויסגע־שלעפּט דעם פּירעקיקן קאָנווערט פון בוזעם־קעשענע, געהאַלטן אים אין די הענט, ווי אַ גרויסן אויצער, און זיך ניט געאיילט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מישפּאָכע, זיך צעשמייכלט און אָנגעהויבן:

— קינדער, מישפּאָכע, איידער איך לייען פאַר אייך דעם טאַטנס בריוו, דערמאָנט זיך אויף אַ פּאָר מינוט די אַלטע היים — די שטי־בעלעך, די קרעמלעך, דעם טאַטנס שוסטער־וואַרשטאַט; ווי דער

טאַטע זיצט אויף זיין בענקל מיטן פאַרטוכל, אין דער יאַרמעלקע, ווי ער לעקט די פלעקלעך און קלאַפּט אין די שיך. אָט ברומט ער אַ לידעלע, אַן אַלטן ניגון, אַ טרויעריקן. אין דעם לידל האָט ער אויסגעדריקט דעם שטילן פּראָטעסט קעגן זיין ביטערן לעבן: אַלע יאָרן געאַרבעט שווער, געמאַכט די בעסטע שיך פאַר די גוירישע קינדער. און מיר, זיינע קינדער, האָבן קיינמאָל קיין גאַנצע שיך ניט געטראָגן.

— אָט דער טאַטע אונדזערער, דער אַלטער, וואָס ווערט זעכציק יאָר, האָט קיינמאָל די האָפענונג ניט פאַרלאָרן. ער איז געווען שטענדיק שטאָלץ מיט דעם, וואָס ער אַרבעט ערלעך אויפן אָרעמען שטיקל ברויט. ער פלעגט שטענדיק זאָגן: „קינדערלעך, כאַיע, (צו אונדזער מאַמען) עס וועט נאָך קומען אַ שיינער טאָג אויך פאַר אונדז, קאַבצאָנים. ניט געזאָרגט!"

— און איצט, מיינע פריינט, — פאַרענדיקט שטאָלץ שימען זיינע ווערטער, — וועלן מיר פאַר אייך פאָרלייענען דעם טאַטנס בריוו.

עס ווערט שטיל. אַלע רוקן זיך צו נעענטער. שימען נעמט אַרויס פון קיילעכדיקן קאָנווערט אַ סאַך בייגעלעך פּאַפּיר. ער לייגט זיי פאַרזיכטיק אויס אויפן טיש לויט די נומערן און נעמט זיך פאָרלייענען דעם בריוו:

„צו מיינע טייערע זין שימען, לייווי און יעהודע. צו מיין טייערער טאָכטער דינעלען. צו מיין שוועסטער דוואוירע, און צו אַלע פריינט און לאַנדסלייט און זייערע קינדער!

„איך וואָלט אייך געקענט אָנשרייבן אַ גאַנצן בוך פון די געשעענישן, וואָס זיינען באַ אונדז פאָרגעקומען אין לעמבערג. איך וואָלט אייך געקענט דערציילן ווי אַזוי די פּאָליאַקן האָבן איבער אונדז געהערשט, אָבער אביסל געדענקט איר נאָך אליין און דאָס איבעריקע האָט איר געוויס געהערט. און די דייטשן האָבן מיר אויך געהאַט עמעס, זייער אַ קורצע צייט. אָבער אין די פּאָר טעג האָבן זיי אונדז באַוויזן, וואָס פאַשיסטן קענען טאָן. אָבער די שלעכטע צייטן האָבן מיר שוין פאַרגעסן אַביסל, און מיר ווילן זיי אינגאַנצן פאַרגעסן.

„פון דעם טאָג אָן, וואָס די רויטע אַרמיי איז אַריין, איז אונדז געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. דער רויטער קאָמאַנדיר, וואָס איז געפאָרן דער ערשטער אויף אַ ווייס פערד, ווי אַ מאָשיעך, האָט צו יעדן איינעם זיך געגריסט און געשמייכלט. די גאַנצע שטאָט, קינד און קייט, האָט זיך אויסגעשטעלט אויף די גאַסן און באַגעגנט די רויטע סאָלדאָטן מיט פרייד.

„איך בין אויך געשטאַנען מיט דער מאַמען, מיט שימענס ווייבל און די קינדערלעך און די שכיינים. מיר האָבן זיך אויך געפרייט. און איך האָב באַ זיך געטראַכט: זאָל אונדז, אידן, ניט פאַרשטערט ווערן מער די פרייד. זאָל דאָס זיין אונדזער אויסלייזונג.

„איך שטיי מיר און טראַכט פון מיין אינגסטן זון, יאָסעפל, וואָס איז פאַרלאָרן געוואָרן מיט יאָרן צוריק. איר געדענקט דאָך: אייניקע האָבן געזאָגט, אַז די פּאָליאַקן האָבן אים פאַרשפּאַרט אין אייביקער טפיסע; אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז די פויערים האָבן אים דערהאַרגעט, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען רעדן צו זיי, קעגן דער פוילישער רעגירונג; די מאַמע האָט נאָר געוויינט און געקלאָגט אויף אים, ווי יאַנקעוו אָווינו האָט געקלאָגט אויף זיין באַליבטן זון יאָסעף, ווען זיינע ברידער האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט און האָבן געבראַכט צום אַלטן טאַטן דאָס צעריסענע, פאַרבלוטיקטע זיידענע העמד, — ער איז אונדז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין יאַם אַריין.

„איז ווי איך שטיי און טראַכט, הער איך, ווי אַ רויטער אַרמייער שרייט אויס: „טאַטע, דערקענסט מיך?!” און איך זע, ווי ער פאַכעט צו מיר מיט דער האַנט. „אוי! — גיבן מיר אַלע אַ געשריי — יאָסעפל, אונדזער קינד!” און מיר לאָזן זיך אַלע לויפן. מיר קוקן אויף אים. ער קוקט אויף אונדז און שמייכלט, זיין פּאָנים לייכט, און ער איז יונג און שטאַרק און שיין. און באַלד טאַקע האָט דער קאָמאַנדיר זיך דערוואוסט פון אונדז און האָט אים געלאָזט אַרויסגיין זיך באַגעגעגנען מיט אונדז. אין מיטן גאַס האָבן מיר זיך געקושט און געהאַלדזט און געטאַנצט פאַר פרייד.

„אין זעלבן אָוונט האָט יאָסעפּל געבראַכט אין הויז אַריין עט־לעכע רויטע אַרמייער, אידישע. זיי רעדן אַזאַ פּאַשעטן אידיש, ווי אַלע אידן. מיר האָבן געהאַט אַ פולע שטוב מיט מענטשן, שכיינים און פריינט. מען איז געשטאַנען באַ די פענצטער און טירן. מען האָט געטאַנצט און געשפּרונגען, געגעסן און געטרונקען טיי ביז שפּעט באַנאַכט. ס'האָט אונדז נאָר ווי געטאָן דאָס האַרץ, וואָס איר זייט אַזוי ווייט פון אונדז און קענט זיך מיט אונדז ניט פרייען.

„און יעדן טאָג האָבן מיר זיך געפרייט. די גאַנצע שטאָט לעבט איבער אַ גרויסן יאָנטעוו. בלויז הערצעלע און נאַכעמל און די אַנדערע גווירים זיינען עפּעס ניט צופרידן. זיי האָבן מוירע, אַז מען וועט צונע־מען באַ זיי די פיל הייזער, וואָס זיי האָבן.

„און געוואָלט האָב איך אייך גלייך דעם ערשטן טאָג אָנשרייבן אַ בריוו, אַז מיר לעבן און זיינען געזונט, נאָר מיר זיינען דאָ אַזוי פאַרנומען. מיר האָבן קיין צייט ניט. מיר זיינען דאָך געוואָרן פרייע בירגער פון אַ פריי לאַנד. און יאָסעף וויל נאָר, אַז זיין אַלטער טאַטע זאָל ווערן אַ רעדנער. אומעטום רופט מען מיך אַרויס איך זאָל עפּעס זאָגן: באַ אונדז, באַ די רויטע, בין איך דער גרעסטער יאַכסן גאָר. אַ קלייניקייט, אַ שוסטער מיין גאַנץ לעבן געוועזן!

„האָט מען צונויפגערופן אַלע שוסטערס פון שטאָט און געמאַכט אַ פאַראיין פון שוסטאַרעס, און מיך האָט מען אויסגעקליבן פאַר פּרע־זידענט. און יאָסעף, וואָס האָט פאַר אונדז גערעדט, האָט געזאָגט: „מיין טאַטע, הערשל דער שוסטער, איז שוין אַלט 60 יאָר. ער האָט שוין גענוג שווער געאַרבעט אויף זיין לעבן. האָט סטאַלין געזאָגט (קינדער, סטאַלין, דאָס איז דער פירער פון גאַנצן גרויסן, מעכטיקן סאָוועטן־פאַרבאַנד), אַז אַזעלכע אַרבעטער־טאַטעס דאַרפן שוין אויף דער עלטער ניט אַרבעטן. די רעגירונג וועט זיי געבן אויף צו לעבן. דאָס הייסט פּענסיע!"

„איר הערט? — איך וועל שוין ניט דאַרפן אַרבעטן! די רעגי־רונג וועט אונדז אויסהאַלטן! און אַלע אַלטע שוסטערס וועלן ניט

דאַרפן אַרבעטן. נו, ווי אַזוי־זשע קען מען ניט ליב האָבן אַזאַ לאַנד, אַזאַ רעגירונג, אַזאַ פירער?

„און דערנאָך האָט דער פאָרזיצער אויסגערופן: „איצט וועט קריגן דאָס וואָרט אונדזער פרעזידענט הערשל באַרגמאַן!" באַרגמאַן? — איך האָב שוין אַליין פאַרגעסן, אַז איך הייס באַרגמאַן. אַלע האָבן מיך גערופן הערשל שוסטער.

„בין איך אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימע. איך האָב זיך דאָס אַביסל דערשראָקן: אַלע שוסטערס קוקן מיר אין די אויגן. גיי רעד! נאָר געטראַכט האָב איך מיר: וואָס האָב איך דאָ מוירע? — אַלע היימישע מענטשן, האָב איך זיי געזאָגט:

„קינדער, וואָס האָבן מיר דאָ אַ סאַך צו רעדן? — מיר קענען דאָ אַליין זען, אַז עס איז געקומען אַן אויסלייזונג פאַר די אידן. און נאָך מער פאַר די אָרעמע באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן שטענדיק געאַרבעט שווער און געלעגן ניין איילן אין דר'ערד. אויב מיר האָבן דערלעבט אַזאַ ליכטיקע צייט, אַז מיר זיינען מיט אַלע לייטן גלייך; אַז אַ נייע וועלט איז געקומען, וואו מיר זיינען די מעיוכאָסים — איז דאָס מאָשיעכס צייטן. מיר דאַרפן שוין אויף מאָשיעכן ניט וואַרטן.

„און אַז מיין יאָסעף, מיין אינגסטער זון, איז אויפגעשטאַנען טכיאָס־האַמייסים, ווייל מיר האָבן שוין אַלע געמיינט, אַז ער איז טויט, און ער איז געקומען מיט זיינע ברידער און אונדז באַפרייט, דאַרפן מיר זיך געבן אַ הייליקע שוואוע: אַז יונג און אַלט, יאַד־אַכאַס, צוזאַמען, און זיין גרייט צו גיין אויף קידעש־האַשעם מאַקריוו צו זיין אונדזער לעבן, און ניט לאָזן קיינעם צונעמען בא אונדז אונדזער פרייהייט, אונדזער זון, אונדזער לעבן! . . .

„נו, נו, האָט איר שוין געמעגט זען, וואָס סע האָט זיך געטאָן: מ'האָט מיך געטראָגן אויף די הענט! מ'האָט געפּאַטשט בראַוואָ און הוראָ! און אַלע האָבן זיך צעשריגן, אַז איך מוז גיין אין סאָוועט אַריין!

„פריער האָב איך ניט געוואוסט, וואָס זיי מיינען. האָט זיך יאָסעף מיט מיר אַוועקגעזעצט אין דער היים און מיר דערקלערט, אַז דאָס

איז אַ מײן פּאַרלאַמענט, די רעגירונג הייסט עס, און אַז איך דאַרף גײן אין פּאַרלאַמענט, ווײל אַלע שוסטער ווילן איך זאָל גײן און זײן זײער פאַרטרעטער. און ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין גאָרניט אַלט, ווײל דער פירער פון גאַנצן סאָוועטן-פּאַרבאַנד, יאָסיף סטאַלין, איז שוין אויך אַלט 60 יאָר און ער איז דער גרעסטער פירער איבער דער גאַנצער וועלט, האָב איך זיך געטראַכט: יאָ, איך וועל גײן! און איך בין געגאַנגען!

„און אַז מ'האָט מיך אויסגערופן צום רעדן, האָב איך שוין ניט געציטערט אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל, נאָר איך האָב זײ פּאָשעט געזאָגט אויף מײן אידישן, אַלט-מאָדישן, שוסטערישן לאָשן, מיט אַ מאָשל:

„קינדערלעך, ברידערלעך, כאַווײרימלעך!

„מײן צוריקגעקומענער ליבער זון יאָסעף, דער באַפרײער, האָט מיר געזאָגט, אַז מײן נײער ברודער, אונדזער אַלעמענס ברודער, יאָסיף סטאַלין, האַלט, אַז אַ שוסטער, אַזאַ פּאָשעטער שוסטער ווי איך, איז פּונקט אַזאַ מענטש ווי אַלע מענטשן. בין איך שטאָלץ באַ זיך. קײן דראָשעס קאָן איך ניט האַלטן. און פון נײע ביכער האָב איך ניט געלערנט. וועל איך אײך דערצײלן אַ מאָשל:

„איך האָב געלערנט אין כײדער די מײסע פון יאָסעפן און זײנע ברידער. זײ האָבן פאַרקויפט זײער ברודער יאָסעף פאַר אַ קנעכט קײן מיצראַאים, ווײל זײ האָבן מוירע געהאַט, אַז ער וועט זײן אַ הערשער איבער זײ, ווײל ער האָט געזען שײנע כאַלוימעס. נאָר זײן האַר האָט געזען, אַז ער איז אַ פײאיקער מענטש, האָט ער אים איבערגעגעבן אַלע שליסלען פון זײנע קאַמערן. און ווען דעם האַר'ס ווײב האָט געוואָלט, אַז יאָסעף זאָל זײן אומערלעך, און יאָסעף האָט ניט געוואָלט, איז ער בעסער געגאַנגען אין טפיסע אַרײן, אײדער צו זײן אַ פאַלשער מענטש.

אין טפיסע האָט ער פּויסער-כאַלעם געווען די אַרעסטאַנטן, און

פאַרע (פּרעה) האָט געהערט פון יאָסעפן און אים גערופן אין זיין פּאַלאַץ אַריין. און יאָסעף האָט אָנגעזאָגט, אַז עס וועלן קומען זיבן פעטע יאָר און זיבן מאָגערע יאָר. און יאָסעף איז געוואָרן דער עלטסטער פון מיצראַאים און אָנגעגרייט אַ סאַך ברויט פאַר די הונגער־יאָרן. און ווען די מאָגערע יאָרן זיינען געקומען, זיינען זיינע אייגענע ברידער און אַלע זיינע קרובים געראַטעוועט געוואָרן פון הונגער־טויט, ווייל יאָסעף האָט פאַר זיי געזאָרגט.

„אַזוי קאָנען מיר פאַרגלייכן די מייסע מיט אונדזער ברודער יאָסיפן. ווען איר ווערט געוואויר פון דעם לעבן פון אונדזער עלטסטן פירער, יאָסיף סטאַלין, ווערט איר פריער פאַרציטערט: דער צאַר האָט אים אַלעמאָל פאַרשפאַרט אין טפיסע, ווייל ער פלעגט דערציילן זיינע אַרבעטער־ברידער כאַלוימעס פון אַ פריי און גליקלעך לעבן אויף דער וועלט. יאָסיף האָט זיך אַלעמאָל אויסגעדרייט און איז אַנטלאָפן פון הינטער די גראַטעס, זיך איבערגעטאָן און ווידער געגאַנגען צו זיינע ברידער זיי דערציילן שיינע כאַלוימעס. און ווען דער צאַר האָט געזען, אַז ער קאָן פון אים ניט אויסהאַלטן, האָט ער אים פאַרשיקט אין קאַלטן, אייביק־שנייאיקן סיביר. דער צאַר האָט געמיינט, אַז דאָרטן וועט אונדזער יאָסיף פאַרפרוירן ווערן און מער ניט דערציילן זיינע כאַלוימעס. נאָר דאָרטן איז נאָך אונדזער ברודער יאָסיף שטאַרקער געוואָרן. און ער האָט געשריבן בריוו און ביכער צו אַלע אָרעמע ברידער, אַז עס וועלן קומען הונגער־יאָרן, מילכאָמע־יאָרן, און פעטע יאָרן, פריילעכע צייטן. און אַלע ברידער האָבן אים געפאָלגט. און אין 1917 האָבן זיי אַרונטערגעוואָרפן דעם צאַר און איינגעפירט אַן אַרבעטער־לאַנד. און אים, יאָסיפן, געמאַכט פאַרן צווייטן עלטסטן פון לאַנד, ווען לעניִן האָט געלעבט. און נאָך לעניִנען — פאַרן עלטסטן פון גרויסן לאַנד.

„און ווען יאָסיף, אונדזער ברודער, האָט געזען, אַז בייע הונגער־יאָרן, מילכאָמע־יאָרן קומען . . . היטלער פאַרכאַפּט פוילן . . . און די פוילישע פריצישע רעגירונג, דערשראָקן פאַר דער אייגענער פעל,

אַנטלויפט קיין רומעניע, האָט ער געזאָגט: „ברידערלעך, איצט איז געקומען די צייט צו העלפן אונדזערע ברידער אוקראַינער, ווייסרוסן און פּאָליאַקן. מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן אויסגיין פון הונ־גער". און ער האָט געשיקט מיין זון יאָסעפן און נאָך אַזעלכע העלדן, רויטע אַרמייער, און אונדז אויסגעלייזט פון זיכערן הונגער און טויט.

„דעריבער דאַרפן מיר אַלע, אידן און אוקראַינער, ווייסרוסן און פּאַליאַקן און אַלע אַנדערע, יונג און אַלט, פרוי און מאַן, קינד און קייט, שיקן אַ בריוו און אַ שוואוע צו אונדזער ברודער און עלטסטן, יאָסיף סטאַלין, און זאָגן:

„טייערער ברודער!

„מיר באַגריסן דיך צו דיין 60־יאָריקן געבורטסטאָג. מיר זאָגן, אַז דו ביזט נאָך יונג, זאָלסט לאַנג לעבן און אונדז פירן אין אַ ליכ־טיקער וועלט. און מיר זאָגן צו, אַז יעדער איינער, וואָס קאָן האַלטן אַ האַמער, אַ זעג, אַ האַק צי אַ קאָסע אין האַנט, וועט זיין גרייט צו פאַרטיידיקן אונדזער לאַנד ביזן לעצטן טראָפּן פון אונדזער בלוט!"

„נו, נו, קינדערלעך, איך וואָלט אייך געוואונטשן צו זען, ווי מען האָט אייער טאַטן געטראָגן אין דער לופטן פאַר די רייד.

„איך וואָלט אייך געשריבן נאָך אַ סאַך, נאָר זאָל היינט זיין גענוג. אין צווייטן בריוו וועל איך שרייבן מער. איך בעט אייך, רופט צונויף די גאַנצע מישפּאָכע און לייענט זיי פאָר מיין בריוו. איר דאַרפט אונדז ניט שיקן קיין זאַך. מיר זיינען באַזאָרגט מיט אַלצדינג.

„אונדזער וואונטש איז, אַז די מילכאָמע זאָל זיך אָפּשטעלן אויף דער וועלט, און מיר זאָלן זיך נאָך קאָנען זען.

„אַ גרוס פון דער מאַמען, פון יאָסעפן, פון טייבעלען, שימענס ווייבל מיט די קינדער. זי אַרבעט שוין, און די קינדער גייען אין דער אידישער שול.

אייער געטרייער טאַטע, הערשל".

מישפּאָכע איז געבליבן זיצן ווי צוגעקלעפּט צו די בענקלעך, אויסגעשטעלט גרויסע אויגן, ווי אַ גרויסער וואונדער וואָלט געשען

פאַר זיי.

דוואירע האָט זיך געשוואָרן, אַז זי וועט אויסדראַפּען די אויגן אירע שכיינים, וואָס וועלן נאָכאַמאָל רעדן שלעכטס קעגן סטאַלינען און קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מעקס האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין מער ניט לייענען די ליגנערישע צייטונגען.

דינעלע האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אַזאַ בריוו דרוקן אין די צייטונגען. צי וועט מען עס דרוקן?

בעניאָמין האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף דעם בריוו שיקן צו סטאַלינען, זאָל ער אים אַליין לייענען.

נאָר שימען, דער עלטסטער זון, האָט אַזוי געזאָגט:

— קינדער, ס'איז דאָ אַ אידישע צייטונג אין אַמעריקע, די „מאָרגן־פרייהייט", און די צייטונג שרייבט דעם עמעס. לאָמיר אַלע זיך צונויפלייגן און געבן דער צייטונג שטיצע — ס'איז אַן אַרבעטער־צייטונג, די גווירים ווילן איר ניט געבן קיין געלט — און זי בעטן, זי זאָל דרוקן דעם בריוו צו סטאַלינען.

און אַלע האָבן אויסגעליידיקט די קעשענעס. שימען האָט צונויפגענומען אַ פולע בייטעלע מיט געלט, עס געבראַכט אין דער רעדאַקציע מיטן בריוו.

און אימעצער פון דער רעדאַקציע האָט געזאָגט:

— מיר וועלן עס גערן טאָן, פריינט שימען. מיר וועלן אַ נאָמען געבן אייער בריוו „יאָסיף און זיינע ברידער".

טייערער חבר דאַווידמאַן:

אַ איד פון אויסטראַליע וויל האָבן דיין סעריע „אידן אין דער מלחמה". שיק דאָס מיר גלייך צו. טו דאָס גלייך.

חבריש דיינער, ש. פעלדמאַן.

דאָס פינגערל איז פאַר מיין סאָלדאַט

פון נעכטן אינדערפרי אָן טראָגט זיך אַרום די נייעס איבערן גרויסן שפיטאָל, פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג, אַז בלענטשי האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ סאָלדאַט. די יונגע דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך ליב אַ „שפּיל־טאָן" מיט יונגע נוירסעס, לאַבאָראַטאָריע־מיידלעך און „סאָשל־וואָרקערס", האָבן אויף דער שיינער בלענטשי'ן גלייך „געוואָרפן אַן אויג", אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך נאָר באַוויזן אין לאַבאָראַטאָריע־צימער צוריק מיט עטלעכע וואָכן. אייניקע האָבן געבעטן באַ איר אַן „אָוונט", אייניקע האָבן זי איינגעלאַדן אויף מיטיק און אַנדערע האָבן אָנגעהויבן „גראָב צושטיין צו בלענטשי'ן". בלענטשי האָט יעדן אָפּגעזאָגט די איינלאַדונגען, זי האָט זיך געוועהרט. ס'איז איר געווען שווער, ניט אנגענעם, זי האָט זיך גערויטלט, אַראָפּגעלאָזט אירע שוואַרצע אויגן. זי האָט דערקלערט, אַז זי האָט אַ געליבטן, נאָר קיינער האָט ניט געוואָלט גלויבן, ביז נעכטן אינדערפרי, ווען זי איז אַריינגעקומען מיט אַ „כאַסענע־פינגערל" אויף איר האַנט און אָנגעזאָגט יעדן איינעם, מיט אַ גרויסער פרייד, אַז זי האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ סאָלדאַט.

— כאַסענע געהאַט מיט אַ סאָלדאַט? —

האָבן עפּעס מיטאַמאָל אַלע געקראָגן פאַר בלענטשי'ן רעספּעקט. קיינער פון די יונגע דאָקטוירים האָט שוין ניט געוואַגט זיך טשעפּען צו איר. מען האָט איר געוואונטשן גליק און דערפאָלג און בלויז צוגעטראָגן אַ שיינעם שמייכל און אַ טאַיוועדיקן בליק.

כאַסענע געהאַט פאַר אַ סאָלדאַט? — ! —

האָבן די יונגע און עלטערע מיידלעך אין ווייסע און בלויע יוניפאָרמען צווישן זיך געשושקעט. כאָטש אַ סאָלדאַט איז ניט קיין דאָקטאָר, פונדעסטוועגן זיינען זיי געווען זייער צופרידן, וואָס בלענ־

טשי האָט כאַסענע געהאַט. ערשטנס, — האָבן זיי דערלעבט אַ שטיקל נעקאָמע אין די „אינטוירן" דאָקטוירים. עפּעס האָבן זיי עס אויסגע־טייטשט, אַז בלענטשי האָט זיי אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: „נאַט, זעט, איר דאָקטוירים, וואָס האַלטן זיך אַזוי גרויס אין דער געזעלשאַפט — איר מיינט דאָך נאָר, אַז אַלע נוירסעס כאַלעמען כאַסענע צו האָבן מיט אייך; אָט האָט אייך די שענסטע מיידל, בלענטשי, די לאַבאָראַ־טאָרשע, באַוויזן פּאָשעט און פּראָסט, אַז זי קען כאַסענע האָבן מיט אַ פּאָשעטן סאָלדאַט!"

צווייטנס, און דער צווייטנס איז גאָר אַ טייערער, צווייטנס, איז זיי אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן; אַזאַ קאָנקורענטין איז אַראָפּ פון מאַרק. זינט בלענטשי האָט זיך באַוויזן אין דער שפּיטאָל־לאַבאָראַטאָריע, האָבן אַלע מיידלעך זיך געפילט געטראָפן. די גאַנצע אויפמערקזאַמ־קייט פון אַלע מענער איז געפאַלן אויף בלענטשי'ן. שטילערהייט האָבן זיי געטראָגן אויף איר אַ סינע, אַ שטילע מיידלשע גאַיווע. און איצט־אַ, אַז בלענטשי האָט גענומען און כאַסענע געהאַט פאַר אַ סאָלדאַט, האָבן אַלע מיידלעך אַרונטערגענומען די סינע צו בלענטשי'ן פון זייער האַרצן, זיי האָבן זי ליב באַקומען און איר גאָר געקויפט שיינע כאַ־סענע־מאַטאָנעס . . .

אַז בלענטשי האָט אָנגעהויבן אַהיימברענגען די מאַטאָנעס פון שפּיטאָל, האָבן זיך די עלטערן אָנגעהויבן וואונדערן: פאַרוואָס קריגט עס עפּעס זייער בלענטשי מאַטאָנעס? פון וועמען קריגט זי עפּעס מאַ־טאָנעס? — צוויי פּאָר עלטערן האָט בלענטשי. איר עמעסער טאַטע האָט זיך געגעט מיט איר עמעסער מאַמען. דערנאָך האָט דער טאַטע געבראַכט אַ שטיפמאַמע, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד. און שפּע־טער, ווען זי איז געגאַנגען צו גאַסט צו איר מאַמען, האָט זי דאָרטן געטראָפן אַ שטיפטאַטן. און היינט ווען זי איז שוין אַ גרויסע, אַ דער־וואַקסענע, קומט זי אין ביידע היימען. זי פילט זיך פריי אין ביידע היימען. פאַרשטייט זיך, אַז די בליקן פון אירע עמעסע טאַטע־מאַמע האָט זי בעסער ליב, נאַטירלעך. און ביידע פּאָר עלטערן האָבן זיך עס

געוואונדערט: פאַרוואָס קריגט עס עפּעס בלענטשי מאַטאַנעס? — פון וועמען קריגט עס עפּעס בלענטשי מאַטאַנעס? —

בלענטשי איז אַ שטילע, אַ באַשיידענע. איר שטילקייט און באַשיידנקייט גיט איר צו כיין צו איר אויסגעטאָקטן פּאָנים, צו אירע שוואַרצע אויגן, וואָס זי האַלט שטענדיק איינגעהאַלטן און האַלב אַראָפּגעלאָזט. אַ שכינעדיקע איז בלענטשי, אַ הויכע ברונעטע אידיש־אַמעריקאַנער טאָכטער. עפּשער האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט אויף איר די פּראָבלעם, וואָס האָט זי געמאַטערט פון קינדוווייז אָן: פאַרוואָס איז זיך די מאַמע צעגאַנגען מיטן טאַטן? — עפּשער האָט זיך אָפּגעזעצט אויף איר דאָס ליידן פון די אידן איבער דער וועלט? — ווייל בלענטשי איז אַ גוטע, אַ וואוילע, אַ מיטפילנדיקע.

בלענטשי פאַרשטייט גוט אידיש. זי קען אַביסל לייענען און שרייבן אידיש. זי איז געגאַנגען אין אַ אידישער שול. זי האָט אַביסל „איבערגעכאַפּט" אידישע געשיכטע. אַן אַלט פאָלק, איר פאָלק, אַ מאָדנע פאָלק, איר פאָלק. אַ קלוג פאָלק, איר פאָלק. נאָר עס ליידט אַזוי פיל. פאַרוואָס ליידט עס אַזוי פיל? — בלענטשי האָט איצט אַזוי פיל פראַגן. זי וואָלט געוואָלט באַגעגענען איר אידישן לערער, איר אַמאָליקן אידישן לערער, וואָס האָט איר דערציילט אַזוי פיל מייסעלעך, וואָס האָט מיט איר אַזוי פיל גערעדט, וואָס האָט איר אַזוי פיל פראַגן פאַרענטפערט. וואו איז איר לערער? — זי וויל אים פרעגן אַ סאַך פראַגן. זי וויל אים פרעגן פאַרוואָס זי האָט געדאַרפט טראָגן אַ צייכעמל, ווען זי איז געגאַנגען זוכן אַ דזשאַב? — פאַרוואָס לאָזט מען היטלערן אויסקוילענען די אידן? — און נאָך און נאָך פראַגן וויל בלענטשי פרעגן ביי איר אַמאָליקן אידישן לערער . . .

איר דזשעק, איר כאָסן, איר געליבטער סאָלדאַט האָט איר אַ סאַך פראַגן פאַרענטפערט. שוין צען יאָר, אַז זי קען איר כאָסן. פון קינדוווייז־אָן, פון שול און סקול קען זי אים. פון דער זעלבער גאַס אין קוני־איילאַנד. צען זומער־סעזאָנען האָבן זיי זיך צוזאַמען געבאָדן, געשפּילט אויף די זאַמדן, שפּאַצירט לעבן ברעג, אויף דעם „באָרד־וואָק", געפאָרן אויף די וועגעלעך, געריטן אויף די הילצערנע פערד־

לעך, געגאַשט „האָט־דאָגס” און אייז־קרים. אַך, — האָט בלענטשי פאַרבראַכט מיט דזשעקן. איר דאַכט זיך, אַז קיין מיידל האָט קיינ־מאָל ניט פאַרבראַכט מיט איר באָכער אַזוי שיין, אַזוי פיל און אַזוי פריילעך, ווי זי מיט איר דזשעקן.

איר דזשעק איז אַזוי הויך אויסגעוואַקסן, העכער פון איר. אַ בלאָנדער, מיט לאָקענעס, אַ סאַך לאָקענעס, אַ ווּעלדל אויף זיין קאָפּ. און אַזאַ פאַרשטענדיקער. ער האָט געלייענט אַ סאַך, געלייענט און פאַרשטאַנען און געקענט דערקלערן. און בלענטשי האָט אים געוואָלט פאַר אַ כאָסן, נאָר זי האָט אים ניט געזאָגט אַ לאַנגע צייט. און דזשעק האָט זי געוואָלט פאַר אַ קאַלע, נאָר ער האָט געטראַכט און געטראַכט אַ סאַך. פלעגן זיי זיך אַמאָל צעקריגן און איבערבעטן, צעקריגן און איבערבעטן. ס׳האָט זיך בלענטשי׳ן געדאַכט, אַז אַן אַנדער מיידל פאַרכאַפּט זיין האַרץ, האָט זי זיך געברויגעזט. אַמאָל האָט זיך דזשעקן געדאַכט, אַז אַן אַנדער באָכער רוקט זיך צו נאָענט צו בלענטשי׳ן, האָט ער זיך געברויגעזט.

און אַז מען האָט זיך איבערגעבעטן איז געווען אַזוי גוט: ער האָט זי גערופן: „בלימעלע, ביסט אַזוי שיין!” זי האָט אים גערופן: „יאַנקעלע, ביזט אַזוי קלוג און גוט!” און זיי האָבן זיך געקושט, זייער אַ סאַך געקושט. ס׳איז זיי געוואָרן אַזוי הייס, זיי האָבן אַראָפּ־געלאָזט די הענט, די אויגן, זיך אַ מינוט פאַרשעמט און דערנאָך זיך נאָכאַמאָל געקושט. זי האָט געגלעט זיינע געדיכטע האָר און ער האָט געגלעט אירע זיידענע באַקן. ס׳איז געווען אַזוי גוט, ווען זיי האָבן זיך איבערגעבעטן.

דערנאָך זיינען זיי געגאַנגען אין די מואוויס. דזשעק האָט זי ליב געהאַט צו פירן צו ערנסטע מואוויס, ווי „בלאָקאַדע”, „די טרויבן פון צאָרן”, איראָפּייאישע און סאָוועטישע פילמס. דערנאָך זיינען זיי געזעסן שטונדן לאַנג און גערעדט. דזשעק האָט גערעדט און בלענ־טשי האָט געהערט און געפרעגט. ער האָט שטענדיק גערעדט וועגן די קלאַסן אין דער געזעלשאַפט. אָרעמע און רייכע. די שטענדיקע מיל־

כאַמע צווישן די אָרעמע און רייכע. און אויך די איצטיקע מילכאָמע איז אַן אַנדער מין מילכאָמע.

„זע, בלימעלע, די פאַרשקלאַפטע פעלקער פון אייראָפּע ליגן אונטער דער בייטש פון היטלערן. כינע שלאָגט זיך שוין יאָרן פאַר איר פרייהייט. דאָס איינציקע אַרבעטער־לאַנד גייט אָפּ מיט בלוט. די דעמאָקראַטישע לענדער העלפן אַרויס, שלאָגן זיך אין דער גרויסער באַפרייאונג־מילכאָמע. די מילכאָמע איז אַן אַנדער מין מילכאָמע. דאָס איז אַ מילכאָמע פאַר פרייהייט פון פעלקער" — און דזשעק האָט אַזוי פיל גערעדט און גערעדט. דערציילט פון גרויסע מענטשן, פון גרויסע פירער: פון לענין, פון לינקאָלן, פון סון־יאַט־סען.

און אין בלענטשי'ן איז צעגאַנגען דאָס האַרץ. זי האָט אָנגעהויבן צו ציטערן מיט אַזאַ שטאַרקן ציטער. אירע אויגן זיינען געוואָרן גרעי־סערע און גרעסער און אָנגעפילט מיט שרעק, מיט געפאַר. איר שלאָף האָט אָנגעהויבן פאַרשניטן ווערן. כאַלוימעס האָבן אָנגעהויבן קומען צו איר, בייזע כאַלוימעס. אָפטער און אָפטער האָט זי געריבן איין האַנט אין דער צווייטער. די פינגער געפלאָכטן און די ביינדלעך גע־קנאַקט. זי האָט דערפילט, אַז די טויטלעכע האַנט, די מילכאָמע־האנט, האָט זיך אויסגעשטרעקט מיט די טויטלעכע פינגער, די דאַרע ביינערדיקע פינגער און געצויגן איר דזשעקן, איר יאַנקעלען, איר גאַנצע וועלט, איר גאַנצע וועלט . . .

און כאָטש בלענטשי האָט געקעמפט מיט אַלע קויכעס ניט אַרויסצעווייזן קיין שרעק, האָבן עפּעס, ווי פון זיך אַליין, אָנגעהויבן רינען טרערן פון אירע אויגן: „אַז דו גייסט אין דער מילכאָמע אַריין, וואָס־זשע וועל איך טאָן?" — האָט זיך בלענטשי שטיל געשטיקט.

און אַז דזשעק האָט איר אַזוי פּאַשעט דערקלערט: „זע, בלימעלע, ס'איז אַ כויוו, אַ פליכט. מיר טוען דאָ קיינעם ניט קיין טויווע. ווער האָט געהאָלפן אין מיין אויסכאָווען, אין מיין דערציאונג און אַנטוויק־לונג — מיינע עלטערן, מיינע לערער, שרייבער, געלערנטע, מיין פאָלק, מיין לאַנד, אַלע ערלעכע מענטשן און לענדער פון דער וועלט,

וואָס האָבן זיך מאַקריוו געווען, אַז די וועלט זאָל גיין פאָראויס, אַז דער מענטש זאָל ווערן שענער און בעסער. בין איך זיי שולדיק אַ כויוו צי ניט? — מיין לעבן באַלאַנגט צו זיי, זיי האָבן עס אויסגעפורעמט. און איצט, ווען מיינע עלטערן, מיין פאָלק, מיין לאַנד און די ערלעכע פרייע וועלט שטייט אין געפאַר פאַרשקלאַפט צו ווערן; אַז היטלער זאָל צוריקברענגען דעם מיטלאַלטער נאָכאַמאָל, זאָל איך זיך באַהאַלטן ווי אַ מויז? — ניין, בלענטשי, דיין כאַווער וועט זיין אַ העלד, אַ בראַווער העלד!״

און בלענטשי האָט אויסגעווישט די אויגן. נאָך דעם ציטער פון איר האַרץ האָט זי ניט געקענט איינשטילן. מיטן ציטער פון איר האַרץ האָט זי געבראַכט איר דזשעקן צום טאַטן, צו דער מאַמען. ס׳האָט געהייסן, אַז בלענטשי איז געוואָרן די קאַלע פון דזשעקן. מיטן זעלבן ציטער איז זי געגאַנגען צו זיינע עלטערן. זיי האָבן גענומען בילדער. אומעטום האָט מען דורכגעפירט סימכעס מיט טרערנדיקער פרייד.

און דזשעק האָט אָנגעטאָן די סאָלדאַטישע יוניפאָרם.

און בריוו, לאַנגע ליבע בריוו, קריגט בלענטשי, שיקט בלענטשי.

„מיין לייב און מיין נעשאָמע וועט ניט אָנגערירט ווערן פון קיין מאַן. ס׳איז דיינס״ — שרייבט בלענטשי.

„מיר וועלן זיגן!״ — שרייבט דזשעק . . .

איז פאַרשטייען זיי ניט, די דאָקטוירים, די שוועסטער און די שפּיטאָל-אָנגעשטעלטע בלענטשי׳ן, זיי פאַרשטייען ניט איר ציטער. עס האָבן איניקע געזאָגט, אַז שוין עטלעכע מאָל, ווען בלענטשי איז געשטאַנען אין לאַבאָראַטאָריע-צימער און געגאָסן און געמאָסטן פון סלויעקלעך און פלעשעלעך, האָט זי עפּעס געשעפּטשעט צו זיך: „אַן אַנדער מין מילכאָמע!״ „אַ פרייע וועלט!״ זי רעדט צו זיך אליין, האָט מען אין שפּיטאָל גערעדט.

איז בלענטשי׳ן איינגעפאַלן אַ פּלאַן, אַ טייערער פּלאַן: זי האָט זיך געקויפט אַ כאַסענע-רינגעלע און עס געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין. איז פון נעכטן אינדערפרי אָן האָט זיך צעשפּרייט די נייעס איבערן

גרויסן שפּיטאָל, אַז בלענטשי האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ סאָלדאַט.

און אַז בלענטשי האָט היינט אַהיימגעבראַכט אַזוי פיל מאַטאַנעס און די עלטערן האָבן זיך געוואונדערט: פאַרוואָס קריגט עפּעס בלענטשי מאַטאָנעס? — פון וועמען קריגט עפּעס זייער בלענטשי מאַטאָנעס? — האָט בלענטשי אַרויסגענומען דאָס כאַסענע־פינגערל און זיי דערציילט די גאַנצע מייסע. האָבן אַלע געלאַכט. און בלענטשי האָט אויך געלאַכט. נאָר דורכן געלעכטער האָבן זיך דורכגעריסן אַ פּאָר טרערן. בלענטשי האָט זיי אַראָפּגעווישט. האָבן אַראָפּגעקאַפּעט נאָך צוויי. בלענטשי האָט זיך געשפּיגלט אין דעם זילבערנעם רינגעלע און געשעפּטשעט:

„דאָס פינגערל איז פאַר מיין סאָלדאַט!"

איר ערלעכער סאָלדאַט, וואָס איז באַ איר העכער פון די דאָקטוירים. ער פאַרשטייט דאָך אַזוי פיל. ער איז געגאַנגען זיך שלאָגן פאַר אַ פרייער וועלט. און אַז די וועלט וועט ווערן פריי וועט אויך בלענטשי ווערן פריי. איר וועט זיין אַזוי גוט. קושט זי דאָס רינגעלע:

„דאָס פינגערל איז פאַר מיין סאָלדאַט!"

15־טער סעפּט., 1942. „מ. פּ."

צו אונדז און צו אייך!
(וועגן „אַ קאָפּ פון אַ אידן")

געערטער פריינט ש. דאַווידמאַן!

געבענטשט זאָלן זיין די הענט, וואָס האָבן די דערציילונג געשריבן. איך ווינטש אז יעדער איד זאָל די דערציילונג לייענען, וואָלטן זיי בעסערע מענטשן געוואָרן און בעסער פאַרשטאַנען די לאַגע אין וועלכער, מיר אידן, געפינען זיך און דאָס וואָלט געבראַכט אַביסל מער אייניקייט באַ אונדז אידן.

מייער לאַפּידוס.

נייער אַדרעס פון דער „סאָבוויי־ביבליאָטעק":

S. DAVIDMAN

3109 Brighton 7th Street, Brooklyn 24, N. Y.